שהן שלש' עשר יום: ד השחין והמכוה מיטמאין בשבוע אחד בשני סימנין. בשער לבן ובפשיון. בשער לבן בתחלה בסוף שבוע. לאחר הפטור. ובפסיון בסוף שבוע. לאחר הפטור. ומיטמאין בשבוע אחד שהוא שבעה ימים: ה הנתקין מיטמאין בשני שבועות. בשני סימנין בשער צהוב דק ובפשיון. בשער צהוב דק. בתחלה בסוף שבוע ראשון בסוף שבוע שני לאחר הפטור. ובפשיון

ולכאן: ד השחין והמכוה מיטמאין בשבוע אחד. דשאר נגעים יש להן שני הסגרות ואלו אם לא פשה בשבוע ראשון ולא נולד שער לבן פוטרו ולכן מיטמאין דנקט ה"ק כשבאו אלו שני סימנים בסוף שבוע אחד טמא הא לא באו טהור:

ה הנתקים. נגעים שבראש או בזקן קרויין נתקים: בשער צהוב דק בתחלה. אם בתחלה נולד לו שער צהוב מתחילתו: צהוב. דומה לזהב: בסוף שבוע ראשון ובסוף שבוע שני. אם בסוף שבוע ראשון פשה או נולד לו שער צהוב:

---

ד (השחין והמכוה מיטמאין בשבוע אחד) שחין איז א נגע וואס ווערט פון דער היצונג. מכוה איז א נגע וואס ווערט פון אברי פון פייער. דיא ביידי נגעים זענין נאר טמא איין וואך. ווייל מען פאר שליסט זייא נאר איין וואך. אונ אין סוף וואך אויב עס איז ניטא קיין ווייסע האר אונ עס איז ניט גרעסיר גיווארען איז ער טהור (בשני סימנין) אונ אויב אין דעם שחין אונ מכוה איז גיווארין איין סימן פון דיא צווייא סימנים (בשער לבן) ווייסע האר. אדער (ובפסיון) דער שחין אונ מכוה איז גרעסיר גיווארן. איז ער טמא (בשער לבן בתחלה) ווייסע האר אויב עס איז דא אין דעם שחין אדער אין דער מכוה אין אנהייב ווען ער ווערט גיבראכט צום כהן. איז ער טמא (ובסוף שבוע) אונ אז דיא ווייסע האר איז גיווארין נאך דיא ערשטע וואך פון פאר שליסן. איז ער אויך טמא (לאחר הפטור) אונ אז דיא ווייסע האר איז גיווארין דער נאך וויא דער כהן האט אים מטהר גיוועזן. איז ער אויך טמא (ובפסיון) אבער אז דיא נגע (שחין אדער מכוה) איז גרעסיר גיווארין. פאר דעם פאר שליסן. איז ער ניט טמא. אונ אז זיא איז גרעסיר גיווארין (בסוף שבוע) אין סוף וואך פון פאר שליסן. אדער (לאחר הפטור) דער נאך וויא ער איז טהור גיווארן איז ער טמא (ומיטמאין בשבוע אחד) וואס דיא משנה האט פריער גיזאגט ער איז טמא איין וואך (שהוא שבעת ימים) מיינט מען זיבן טאג: ה (הנתקין) דיא נגעים פון קאפ אדער פון דיא בארד הייסין נתקים. דיא נתקים (מיטמאין בשני שבועות) זענין טמא צווייא וואכין. מען פאר שליסט אים פריער אויף איין וואך. אונ אז דער נתק איז ניט גיענדערט גיווארין פאר שליסט מען אים אויף נאך א וואך (בשני סימנין) אונ אויב אין דיא צווייא וואכין איז גיווארע אין דעם נתק איינע פון דיא צווא סימנים. איז ער טמא (בשער צהוב דק) אז אין דעם נתק איז גיווארען גאלד פארביגע אונ דינע האר (ובפסיון) אדער דער נתק איז גרעסיר גיווארין (בשער צהוב דק) גאלד פארביגע דינע האר אויב עס איז דא אין דעם נתק (בתחלה) אין אנהייב ווען ער ווערט גיבראכט צום כהן. איז ער טמא (בסוף שבוע ראשון) אונ אז דיא גאלד פארביגע דינע האר איז גיווארין אין דעם נתק אין סוף ערשטי וואך פון פארשליסען. איז ער אויך טמא (בסוף שבוע שני) אונ אז דיא גאלדפארביגע דינע האר איז גיווארין אין דעם נתק אין סוף דיא אנדערי וואך פון פארשליסן. איז ער אויך טמא (לאחר הפטור) אונ אז דיא גאלד פארביגע דינע האר איז גיווארין אין דעם נתק דער נאך וויא

מאליטו ואם לאו מסגירו שנית ואם בסוף והגבחת. לקמן בס"פ עשירי מפרש איזו היא שבוע ב' פשה או נולד לו שער להוב מחליטו קרחת ואיזו היא גבחת: במחיה ובפשיון. ואם לאו פוטרו. ואם לאחר הפטור פשה או נולד לו שער להוב מחליטו: ן הקרחת

ובפשיון. בסוף שבוע ראשון בסוף שבוע שני לאחר הפטור. ומיטמאין בשני שבועות שהן י"ג יום: ן הקרחת.

אבל בשער לבן אין מיטמאין לפי שאין שער לומח בהן:

והגבחת. מיטמאות בשני שבועות. ובב' סימנין. במחיה ובפשיון. במחיה בתחלה בסוף שבוע ראשון בסוף שבוע שני לאחר הפטור. ובפשיון בסוף שבוע ראשון בסוף שבוע שני לאחר הפטור. ומיטמאות בשני שבועות שהן שלשה עשר יום: הבגדים

---

דער כהן האט אים מטהר געוועזן. איז ער אויך טמא (ובפסיון) אבער אז דער נתק איז גרעסיר געווארען פאר דעם שליסען. איז ער ניט טמא. אונ אז ער איז גרעסיר געווארען (בסוף שבוע ראשון) אין סוף דיא ערשטע וואך פון פאר שליסען. אדער (בסוף שבוע שני) אין סוף דיא אנדערע וואך פון פארשליסען. אדער (לאחר הפטור) דער נאך וויא ער איז טהור געווארען. איז ער טמא (ומיטמאין בשני שבועות) וואס דיא משנה האט פריער געזאגט ער איז טמא צוויי וואכין (שהן שלשה עשר יום) דאס מיינט מען דרייצעהן טאג. ווייל דער זיבעטער טאג איז דער סוף פון דיא ערשטע וואך אונ דער אנהייב פון דיא אנדערע וואך: ן (הקרחת והגבחת) אין סוף צעהנטען פרק שטייט וואס איז קרחת אונ גבחת (מיטמאות בשני שבועות) זענען טמא צווייא וואכין. מען פאר שליסט אים פריער אויף איין וואך. אונ אז דער קרחת אדער גבחת איז ניט געענדערט געווארין פאר שליסט מען אים אויף נאך א וואך (ובשני סימנין) אונ אויב אין די צווייא וואכין איז געווארין אין דעם קרחת אדער גבחת איינע פון דיא צווייא סימנים. איז ער טמא (במחיה) אויב אין דעם קרחת אדער גבחת איז געווארען ווילד פלייש (ובפסיון) אדער דער קרחת אונ גבחת איז גרעסיר געווארען (במחיה) ווילד פלייש אויב עס איז דא אין דעם קרחת אדער גבחת (בתחלה) אין אנהייב ווען ער ווערט געבראכט צום כהן. איז ער טמא (בסוף שבוע ראשון) אונ אז דיא ווילד פלייש איז געווארין אין דעם קרחת אדער גבחת אין סוף ערשטי וואך פון פאר שליסען. איז ער אויך טמא (בסוף שבוע שני) אונ אז דיא ווילד פלייש איז געווארען אין דעם קרחת אדער גבחת אין סוף דיא אנדערע וואך פון פאר שליסען. איז ער אויך טמא (לאחר הפטור) אונ אז דיא ווילד פלייש איז געווארען אין דעם קרחת אדער גבחת דער נאך וויא דער כהן הט אים מטהר געוועזן. איז ער אויך טמא (ובפסיון) אבער אז דער קרחת אדער גבחת איז גרעסער געווארען פאר דעם פר שליסען. איז ער ניט טמא. אונ אז ער איז גרעסיר געווארין (בסוף שבוע ראשון) אין סוף דיא ערשטע וואך פון פארשליסען. אדער (בסוף שבוע שני) אין סוף דיא אנדערע וואך פון פארשליסען. אדער (לאחר הפטור) דער נאך וויא ער איז טהור געווארין. איז ער טמא (ומיטמאות בשני שבועות) וואס דיא משנה האט פריער געזאגט ער איז טמא צווייא וואכין (שהן שלשה עשר יום) דאס מיינט מען דרייצעהן טאג. ווייל דער זיבעטער טאג איז דער סוף פון דיא ערשטע וואך. אונ דער

ז הבגדים מיטמאים בשני שבועות. ובג' סימנין. בירקרק ובאדמדם ובפשיון. בירקרק ובאדמדם. בתחלה בסוף שבוע ראשון ובסוף שבוע שני לאחר הפטור. ובפשיון בסוף שבוע ראשון בסוף שבוע ב' לאחר הפטור. ומיטמאין בשני שבועות שהן י"ג יום: ח הבתים מיטמאין בשלשה שבועות

ז בירקרק ובאדמדם. הא דקרי בבגדים ובבתים סימן טומאה ירקרק ואדמדם. ולא קרי לעיל סימן טומאה לארבע מראות שבעור בשר. משום דארבע מראות שבעור בשר. אפילו עומדים בו כמה שנים אינן מחליטים בלא שער לבן ובלא פשיון ובלא מחיה. אבל בבגדים כשעמד שירקרק או אדמדם ב' שבועות. אע"ג דלא פשה. כתיב בהא הסגרנו. להכי קרי להו בבגדים סימן טומאה. וכן בבתים שלשה שבועות. כשחזר הנגע לכמות שהיה. או מירקרק לאדמדם. או מאדמדם לירקרק כתיב (ויקרא יד) וכהן את הבית. כאילו פשה. להכי קרי להו סימן טומאה: לאחר הפטור. כגון שהכהס אם חזר

אנהייב פון דיא אנדערע וואך: ז (הבגדים מיטמאי בשני שבועות) קליידער וואס האבן אנגע זענין טמא צווייא וואכין. מען פאר שליסט זייא פריער איף איין וואך. אונ אז דיא נגע איז ניט גיענדערט גיווארען פאר שליסט מען אויף נאך אוואך (ובשלשה סימנין) אונ אויב אין דיא צווייא וואכין איז גיווארע אין דיא נגע פון דעם קלייד אינע פון דיא דריי סימנים. איז דיא קלייד טמא (בירקרק) אז דיא נגע איז גרין (ובאדמדם) אדער רויט (ובפסיון) אדער זיא איז גרעסיר גיווארען (בירקרק ובאדמדם) אויב דיא נגע איז גרין אדער רויט (בתחלה) אין אנהייב ווען ער ווערט גיבראכט צום כהן. זאל מען דיא קלייד פארשליסען אויף זיבען טאג (בסוף שבוע ראשון) אונ אז אין סוף ערשטע וואך איז דיא נגע פון דעם קלייד גרין אדער רויט וויא זיא איז גיוועזין. זאל מען איר פאר שליסען נאך אויף זיבעי טאג (בסוף שבוע שני) אונ אז אין סוף אנדערי וואך איז דיא נגע פון דעם קלייד אויך גרין אדער רויט וויא זיא איז גיוועזן. זאל מען די קלייד פאר ברענען (לאחר הפטור) אונ אויב דיא גרינקייט אדער דיא רויטקייט פון דיא נגע איז טינקעלער גיווארין. איז דיא קלייד גיווארין טהור. דער נאך איז זיא צוריק גרין אדער רויט גיווארין וויא זיא איז גיוועזן. איז דיא קלייד טמא. אונ מען פר ברענט איר (ובפסיון) אבער אז דיא נגע אין דיא קלייד איז גרעסיר גיווארין פאר דעם פאר שליסען איז דיא קלייד ניט טמא. אונ אז דיא נגע איז גרעסיר גיווארין (בסוף שבוע ראשון) אין סוף דיא ערשטע וואך פון פאר שליסען אדער (בסוף שבוע שני) אין סוף דיא אנדערי וואך פון פארשליסן. אדר (לאחר הפטור) דר נאך ווי די קלייד איז טהור גיווארן. איז דיא קלייד טמא (ומיטמאין בשני שבועות) וואס דיא משנה האט פריער גיזאגט ער איז טמא צווייא וואכין (שהן שלשה עשר יום) דאס מיינט מען דרייצעהן טאג. וויל דער זיבעטער טאג איז דער סוף פון דיא ערשטע וואך אונ דער אנהייב פון דיא אנדערי וואך: ח (הבתים מיטמאין בשלשה שבועות) היזער וואס האבין אנגע זענין טמא דריי וואכין. מען פאר שליסט זייא פריער אויף איין וואך. אונ אז דיא נגע איז ניט גיענדערט גיווארין פאר שליסט מען אויף נאך אוואך. אונ אז זיא איז נאך ניט

שבועות. ובשלשה סימנין. בירקרק ובאדמדם ובפשיון . בירקרק ובאדמדם בתחלה בסוף שבוע ראשון בסוף שבוע שני בסוף שבוע שלישי לאחר הפטור. ובפשיון בסוף שבוע ראשון בסוף שבוע שני בסוף שבוע שלישי לאחר הפטור. ומיטמאין בג׳ שבועות שהן תשעה עשר יום. אין בנגעים פחות משבוע אחד ולא יותר על ג׳ שבועות:

פ״ד יש בשער לבן מה שאין בפסיון

אחר כן סוגר: ח תשעה עשר יום. ראשון ושביעי של שבוע אמצעי עולים לפניהם ולאחריהם: פחות משבוע אחד. כגון מחית ומכוה: ג׳ שבועות. כגון נגעי בתים:

פרק ד יש בשער. מה שאין בפסיון כו׳:

גיענדערט געווארן פאר שליסט מען אויף אדריטע וואך (ובשלשה סימנין) אונ אויב אין דיא דרייא וואכין איז געווארן אין דיא נגע פון דעם הויז איינע פון דיא דריי סימנים. איז דיא שטוב טמא (בירקרק) אז דיא נגע איז גרין (ובאדמדם) אדער רויט (ובפסיון) אדער זיא איז גרעסר געווארין (בירקרק ובאדמדם) אז דיא נגע איז גרין אדער רויט (בתחלה) אין אנהייב ווען ער ווערט געבראכט צום כהן זאל מען דיא שטוב פארשליסן אויף זיבען טאג (בסוף שבוע ראשון) אונ אז אין סוף ערשטע וואך איז דיא נגע פון דיא שטוב גרין אדער רויט וויא זיא איז געוועזן. זאל מען דיא שטוב פאר שליסען אויף נאך זיבען טאג (בסוף שבוע שני) אונ אז אין סוף אנדערי וואך איז דיא נגע פון דיא שטוב אויך גרין אדער רויט וויא זיא איז געוועזן. זאל מען דיא שטוב פאר שליסן אויף נאך זיבן טאג (בסוף שבוע שלישי) אונ אז אין סוף דריטע וואך איז דיא נגע פון דיא שטוב אויך גרין אדער רויט וויא זיא איז געוועזן. זאל מען דיא שטוב צוא ווארפין (לאחר הפטור) אונ אויב דיא גרינקייט אדער דיא רויטקייט פון דיא נגע איז טינקעלער געווארין איז די שטובט הור. דר נאך איז די נגע צוריק גרין אדער רויט געווארין ווי זיא איז געוועזן. איז דיא שטוב טמא (ובפשיון) אבער אז דיא נגע אין דיא שטוב איז גרעסר געווארין פאר דעם פאר שליסען איז דיא שטוב ניט טמא. אבער אז דיא נגע איז גרעסר געווארען (בסוף שבוע ראשון) אין סוף דיא ערשטע וואך פון פאר שליסען. אדער (בסוף שבוע שני) אין סוף דיא אנדערי וואך פון פאר שליסען. אדער (בסוף שבוע שלישי) אין סוף דיא דריטע וואך פון פארשליסען. אדער (לאחר הפטור) דער נאך וויא דיא שטוב איז טהור געווארין. איז דיא שטוב טמא (ומיטמאין בשלשה שבועות) וואס דיא משנה האט פריער געזאגט דיא שטוב איז טמא דרייא וואכען (שהן תשעה עשר יום) דס מיינט מען ניינצעהן טאג. וויל דער זיבעטער טאג פון די ערשטע וואך איז דער סוף פון די ערשטע וואך אונ דער אנהייב פון דיא אנדערע וואך. דער טאג ווערט גירעכונט צוא ביידע וואכין. אונ דער זיבעטער טאג פון דיא אנדערי וואך ווערט אויך אזוי גירעכונט. דער סוף פון דיא אנדערי וואך אונ דער אנהייב פון דיא דריטע וואך. זענין אלע דרייא וואכין צו זעקס טאג. אונ איין טאג נאך דיא ערשטע וואך דער זיבעטער טאג. איז ניינצעהן טאג (אין בנגעים פחות משבוע אחד) ביי נגעים איז ניטא צו פאר שליסען אויף ווייניגער וו״א א וואך (ולא יותר על שלשה שבועות) אונ ניט מעהר וויא אויף דרייא וואכין:

פרק ד א (יש בשער לבן) עס איז דא טומאה ביי ווייסע האר נאז עס איז דא אין דיא נגע) (מה שאין בפסיון) וואס אז דיא נגע ווערט גרעהער איז דיא טומאה ניטא

בפשיון. ויש בפשיון מה שאין בשער לבן. ששער לבן מטמא בתחלה. ומטמא בכל מראה לובן. ואין בו סימן טהרה. יש בפשיון שהפשיון מטמא בכל שהוא. ומטמא בכל הנגעים. חוץ לנגע. מה שאין כן בשער לבן: **ב** יש במחיה מה שאין בפשיון. ויש בפשיון מה שאין במחיה: שהמחיה מטמא בתחלה

ששער לבן מטמא בתחלה. כשהובא אל הכהן ויש בנגע שער לבן ממש. מה שאין כן בפסיון. שאינו מטמא אלא בסוף שבוע: מטמא בכל מראה לובן. אפילו למטה מד׳ מראות. דכתיב (שם יג) ומראה הנגע עמוק מראה הנגע עמוק ולא מראה שער לבן עמוק מה שאין כן בפסיון שאין פסיון מטמא למטה מד׳ מראות. שבאותן מראות שבהם הפסיון מטמא: ואין בו סימן טהרה. ואילו בפסיון יש בו סימן טהרה שאם פרח בכלו טהור: מטמא בכל שהוא. אבל שער לבן אינו מטמא בפחות משתי שערות דמיעוט שער שנים: חוץ מן הנגע. כשפשה חוץ לנגע טמא אבל שער לבן בעינן שיהא בנגע כדכתיב (ויקרא יג) ושער בנגע הפך לבן: **ב** בכל מראה. היינו כמראה הבשר בין כושי בין

ומטמא

(ויש בפסיון) און עס איז דא טומאה אז דיא נגע ווערט גרעסער (מה שאין בשער לבן) וואס ביי ווייסע האר איז דיא טומאה ניטא (ששער לבן מטמא בתחלה) ווארום ווייסע האר אז זייא ווערין אין דיא נגע באלד אין אנהייב ווען ער ווערט געבראכט צום כהן איז שון דער מענש טמא. אבער אז דיא נגע איז גרעסער געווארן וויא זיא איז געוועזן. ווען ער איז געקומען צום כהן. איז ער נאך ניט טמא. נאר מען פאר שליסט אים אויף זיבן טאג. נאך דיא. זיבען טאג אז זיא ווערט גרעסער איז ער טמא (ומטמא בכל מראה לובן) דיא ווייסע האר זענען מטמא מיט אלערליי ווייסקייט. אפילו זייא זענען ניט אזו ווייס וויא דיא נגע. אבער אז דיא נגע איז גרעסער געווארן מוז די מערערע האבין דיא זעלבינע ווייסקייט וואס דיא נגע האט. און אז די מערערע איז טינקעלער וויא דיא נגע איז ער ניט טמא (ואין בו סימן טהרה) און ביי ווייסע האר קען ער ניט זיין טהור. אבער אז דיא נגע איז גרעסער געווארן קען ער ווערין טהור. אויב דיא נגע האט זיך פאר שפרייט איבער דעם גאנצן גוף (יש בפשיון) אז דיא נגע איז גרעסער געווארן איז דא טומאה וואס בייא ווייסע האר איז ניטא (שהפשיון מטמא בכל שהוא) אז עס איז גרעסער געווארן נאר אקליינע שטיקעלע. איז ער שון טמא. אבער ווייסע האר איז אנדערש ניט מטמא נאר אז עס איז דא צווייא ווייסע האר (ומטמא בכל הנגעים) אלע נגעים אז זייא ווערין גרעסער ווערין זייא טמא. אבער ווייסע האר איז נאר מטמא ביי פירערליי נגעים (חוץ לנגע) אז דיא נגע איז גרעסער געווארן ביי דער זייט. אפילו אפ גירוקט פון דיא נגע. איז ער אויך טמא (מה שאין כן בשער לבן) וואס איז ניט אזו ביי ווייסע האר. אויב דיא ווייסע האר זענען אין דיא נגע איז ער טמא. און אויב זייא זענען ביי דער זייט פון דיא נגע איז ער טהור: ב (יש במחיה) עס איז דא טומאה ביי ווילד פלייש אז עס איז דא אין דיא נגע (מה שאין בפשיון) וואס אז דיא נגע ווערט גרעסער איז דיא טומאה ניטא (ויש בפשיון) און עס איז דא טומאה אז דיא נגע ווערט גרעסער (מה שאין במחיה) וואס ביי ווילד פלייש איז דיא טומאה ניטא (שהמחיה מטמא בתחלה) ווארום ווילד פלייש אז עס ווערט אין דיא נגע באלד אין אנהייב ווען ער קומט צום כהן. איז שון דער מענטש טמא. אבער

אז

לבן. בין אלוס : מטמא בכל שהוא . אבל במחיה בעי עדשה : חוץ מן הנגע מה שאין כן במחיה . שהמחיה צריכה להיות בתוך הנגע : ג ובמכונס . שהשתי שערות במקום א׳ בנגע : במפוזר . זה במזרח הנגע . וזה במערב : במבוצר . שתי שערות באמצע הנגע . כמבלר שבאמצע ה יר : ושאינו מבוצר . בחוט היוצא מן הנגע. ויש כרחבו שתי שערות : מה שאין כן במחיה דבעינן מבוצרת

ומטמא בכל מראה. ואין בה סימן טהרה. יש בפשיון שהפשיון מטמא בכל שהוא. ומטמא בכל הנגעים. חוץ לנגע.

מה שאין כן במחיה : ג יש בשער לבן מה שאין במחיה. ויש במחיה מה שאין בשער לבן. ששער לבן מטמא בשחין ובמכו׳ במכונס ובמפוזר. במבוצר ושלא במבוצר

---

אז דיא נגע איז גרעסער גיווארן ניא זיא איז ג ווען . ווען ער איז גיקומען צום כהן . איז ער נאך ניט טמא . נאר מען פאר שליסט איהם אוף זיבן טעג . נאך דיא זיבן טעג אז דיא ווערט גרעסער איז ער טמא (ומטמא בכל מראה) דיא ווילד פלייש איז מטמא מיט אלערליי קאלערין וואס דאס ליב איז . שווארץ . ווייס . רויט . אבער אז דיא נגע איז גרעסער גיווארן מוז דער קאלער פון דיא מערערע זיין . איינע פון דיא פירערליא קאלערין וואס שטייט אין פרק א משנה א (ואין בה סימן טהרה) אונ ביי ווילד פלייש קען מען ניט טהור ווערין . אבער אז דיא נגע איז גרעסער גיווארן . קען ער ווערין טהור . אוב דיא נגע האט זיך פאר שפרייט איבר דעם גאנצן לייב (יש בפשיון) אז דיא נגע איז גרעסער גיווארן איז דא טומאה וואס ביי ווילד פלייש איז ניטא (שהפשיון מטמא בכל שהוא) אז עס איז גרעסיר גיווארן נאר אקליינע שטיקלע . איז ער שוין טמא . אבער ווילד פלייש איז אנדערש ניט מטמא סידין עס איז גרוים וויא אלינדז (ומטמא בכל הנגעים) אלי נגעים אז זייא ווערין גרעסיר ווערין זייא טמא . אבער ווילד פלייש איז נאר מטמא אז דיא נגע איז אין דיא הויט אדער אין דיא פלייש אדער ביי קרחת אונ גבחת . אונ ביי אנדערי נגעים איז זיא ניט מטמא (חוץ לנגע) אז דיא נגע איז גרעסר גיווארין ביא דער זייט . אביסול אפ גירוקט פון דיא נגע . איז ער אויך טמא (מה שאין כן במחיה) וואס עס איז ניט אזוי ביי ווילד פלייש . אויב דיא ווילד פלייש איז אין מיטען דיא נגע איז מען טמא . אונ אויב דיא ווילד פלייש איז ביא דער זייט פון דיא נגע . איז ער טהור : ג (יש בשער לבן) עס איז דא טומאה ביי ווייסע האר ואז עס איז דא אין דיא נגע (מה שאין במחיה) וואס ביי ווילד פלייש ואז עס איז דא אין דיא נגע איז ניטא דיא טומאה (ויש במחיה) אונ עס איז דא טומאה ביא ווילד פלייש (מה שאין בשער לבן) וואס ביא ווייסע האר איז ניטא (ששער לבן מטמא בשחין ובמכוה) אז איינער האט אנגע פון שחין (אדערהיצונג) אדער פון אמכוה (אברי פון פייער) אונ אין דעם שחין אדער מכוה איז דא ווייסע האר . איז דער מענטש טמא (במכונס) סייא דיא צווייא האר זענין פאר זאמעלט . איינס ביי דאס אנדערי (ובמפוזר) אונ סייא דיא צווייא האר זענין צוא שפרייט . איין האר אין דער זייט נגע אונ איין האר אין דיא אנדערי זייט נגע (במבוצר) סייא דיא צווייא האר זענין אין מיטען דיא נגע (ושלא במבוצר) אונ סייא זייא זענין ניט אין מיטען דיא נגע . נאר ביי דער זייט גייט ארויס אשטיקול נגע . אונ דארט זענין דיא צוויי ווייסע האר . איז מען אלץ טמא . אונ ביא ווילד פלייש איז ניט אזוי . אז עס איז דא ווילד פלייש אין שחין אדער מכוה איז ניט טמא . אונ די ווילד

במבוצר. יש במחיה. שהמחיה מטמאה בקרחת ובגבחת. הפוכה ושלא הפוכה. ומעכבת את ההופך כולו לבן. ומטמאה בכל מראה. מה שאין כן בשער לבן: ד שתי שערות עקרן משחיר וראשן מלבין טהור. עקרן מלבין וראשן משחיר. טמא. כמה יהא בלבנונית. רמ"א כל שהוא. רש"א כדי לקרוץ בזוג. היתה אחת מלמטה. ונחלקה מלמעלה. והיא נראית כשתים. טהור. בהרת

ובו

ומכונסת: הפוכה ושלא הפוכה. בין שבהרת קדמה למחיה. בין שהמחיה קדמה לבהרת. מה שאין כן בשער לבן. שאם קדם לבהרת מטהר: ומעכבת את ההופך כולו לבן. דאם הוחלט במחיה. ופרחה הצרעת בכולו חוץ ממקום המחיה עדיין טמא הוא. אבל אם פרחה בכולו אע"ג דכל גופו מלא שער לבן טהור שאין שער לבן מעכב: ד עקרן משחיר וראשן מלבין טהור. דה"ק (ויקרא יג)

ושער בנגע הפך לבן. העיקר הסמוך לנגע הפך לבן: כדי לקרוץ בזוג. כדי שינטל בפי הזוג של מספרי' והלכה דשיעור שער לבן ארכו אין פחות מכדי שינטל בפי הזוג. אבל הלבנוני' שבו בכל שהוא: ונראית כשתים טהור. שיש שערות שמחולקות בראשן לשתים ובעקרן אינן אלא א': ה"ג בהרת ובה שער לבן ושער שחור טמא. בהרת שהיא כגרים מלומלם ובה שתי שערות לבנות. והספר מלאה שערות

---

פלייש מוז זיין אין מיטען דיא נגע אין גאנצין אין איין ארט (יש במחיה) עס איז דא טומאה בייא ווילד פלייש (שהמחיה מטמאה בקרחת ובגבחת) אז איינער האט א נגע אויף דעם קאפ פון פארנט אדער פון אונטען. אונ אין דיא נגע איז דא ווילד פלייש איז ער טמא (הפוכה ושלא הפוכה) פארקערט אונ ניט פארקערט. סיי דיא נגע איז געווארין פאר דיא ווילד פלייש אונ סייא דיא ווילד פלייש איז געווארען פאר דיא נגע. איז ער אלץ טמא. אבער ביי ווייסע האר אז זייא זענין געווארין פאר דיא נגע איז טהור (ומעכבת את ההופך כולו לבן) דיא ווילד פלייש האלט אויף דיא טומאה אויף דעם מענטש. אפילו דיא ווייסקייט פון דיא נגע האט זיך פרשפרייט אויף דעם גאנצין לייב. נאר אויף דעם ארט פון דיא ווילד פלייש ניט. איז ער טמא דורך דיא ווילד פלייש. אבער אז דיא נגע איז פארשפרייט אויף דעם גאנצין לייב. אונ ווילד פלייש איז ניטא. נאר ווייסע האר איז דא. אפילו אויף דעם גאנצען לייב. איז ער ניט טמא (ומטמאה בכל מראה) אונ וואס פאר אקאלער דיא ווילד פלייש האט אפילו ניט דעם זעלביגען קאלער וואס דיא נגע איז. ווערט ער אויך טמא (מה שאין כן בשער לבן) וואס ביי ווייסע האר איז ניט אזו דער דין: ד (שתי שערות) צוויי האר וואס אין דיא נגע (עיקרן משחיר) ביי דעםווארציל וואו זייא זיצען אין דיא נגע זענען זייא שווארץ (וראשן מלבין) אונ אויבען ביי דעם שפיץ זענין זייא ווי ים (טהור) איז דער מענטש טהור (עיקרן מלבין) אויב בייא דעם ווארציל זענען זייא ווייס (וראשן משחיר) אונ אין שפיץ זענין זייא שווארץ (טמא) איז דער מענטש טמא (כמה יהא בלבנונית) וויא דייך זאל זיין דיא ווייסקייט אויף דיא האר. רבי מאיר זאגט (כל שהוא) וויא פיל עס איז. איז גענוג מטמא צו זיין. רבי שמעון זאגט (כדי לקרוץ בזוג) אז מען וועט וועלין אפ שערין דיא האר מיט אשעריל. זאל דיא שעריל פאר נעמין דיא ווייסקייט פון דיא האר (היתה אחת מלמטה) אויב אונטען איז דער האר איינס (ונחלקה מלמעלה) אויבין. איז ער צו טיילט וצוא שפאלטין (והיא נראית כשתים) אונ זיא זעהט אוים וויא צווייא האר (טהור) איז דער מענטש טהור (בהרת ובו שער לבן ושער שחור טמא) א בהרת וואס זיא איז גרויס

ובו שער לבן . ושער שחור . טמא . אין חוששין שמא מיעט מקום שער שחור את הבהרת . מפני שאין בו ממש : ה בהרת כגרים . וחוט יוצא ממנה . אם יש בו רוחב שתי שערות זוקקה לשער לבן ולפסיון . אבל לא למחיה . שתי בהרות . וחוט יוצא מזו לזו . אם יש בו רוחב שתי שערות מצרפן . ואם לאו אין מצרפן : ו בהרת כגרים ובה מחיה כעדשה . ושער לבן בתוך המחיה

שחורות ע ה. ולא אמרינן שמקום השערות שחורות ממעט השבהרת מכגרים : ה זוקקה לשער לבן לפסיון . דאי איכא בחוטו השיער לבן. מחליטו . או אם פשה אצל החוט בסוף שבוע . טמא . אבל אם אין ברוחב החוט שתי שערות ואית ביה שער לבן לא מטמא . דלא חשיב מן הנגע . וכן אם פשה אצל החוט שאין ברחבו שתי שערות כפסיון רחוק מן הנגע הוא חשוב . ובעי כגרים: אבל לא למחיה . דאפי' יש ברוחב החוט שתי שערות . אין מחיה שבו מטמאה . שהמחיה צריך שתהא מבוצרת באמצע הנגע כמבצר שהוא באמצע העיר : מצרפן . ונדוני' כנגע אחד . ואם פשה אחת מהן משכו או נולד שער לבן באחד מהן . מחלים על שתיהן: ואם לאו אינו מצרפן . ונדונים כשני נגעים . ואם פשתה האחת והאחרת לא פשתה . מחלים בזו ומסגיר בזו . וכ"ש דלכי מיעכר . בעי לאחויי שתי קרנטת : ו בהרת כגרים . בלא מקום מחיה . דהיינו חשע עדשות בסרת ועדשה אחת מחיה .

פונקט וויא אגרים . אונ אין דיא בהרת איז דא ווייסע האר אונ שווארצע האר . איז דער מענטש טמא (אין חוששין) אונ מיר האבין ניט מורא (שמא מיעט מקום שער שחור את הבהרת) טאמער האט דער ארט וואו דיא שווארצע האר וואקסט ווייניגער גימאכט דעם בהרת וויא אגרים (מפני שאין בה ממש) ווייל דאס לעכיל וואס דער האר וואקסט ארויס פון איר איז אזוי קליין אז דאס פאר נעמט ניט קיין ארט קלענער צו מאכין דיא נגע : ה (בהרת כגרים) א בהרת וואייסער פלעק גרויס וויא אגרים (וחוט יוצא ממנה) אונ פון דעם בהרת ציהט זיך ווייסקייט וויא אפאדים (אם יש בו רוחב שתי שערות) אויב דיא ברייט פון דעם פאדים ווייסקייט איז וויא צוויא האר (זוקקה לשער לבן ולפסיון) אונ אין דעם פאדים ווייסקייט האט אויף גיוואקסין צוויא ווייסע האר . אדער אין סוף זיבען אדער פערצעהן טאג פון פאר שליסען איז דער פאדים ווייסקייט גרעסער גיווארן . גייט דאס דעם מענטשין ער זאל טמא ווערין (אבל לא למחיה) אבער אז אין דעם פאדים ווייסקייט האט אן גיהאקען ווילד פלייש . איז מען גישט טמא . אפילו דער פאדים ווייסקייט איז ברייט וויא צוויי האר . ואונ אז דער פאדים ווייסקייט איז ניט ברייט וויא צוויי האר . אפילו אין אים איז דא צוויא ווייסע האר . אדער ער איז גרעסער גיווארן נאך דעם פאר שליסען . איז מען ניט טמא (שתי בהרות) צוויא ווייסע פלעקין (וחוט יוצא מזו לזו) אונ אווייסער פאדים גייט פון איין פלעק צום אנדערין (אם יש בו רוחב שתי שערות) אוב דער פאדים ווייסקייט איז ברייט וויא צוויא האר (מצרפן) מאכט דער פאדים ווייסקייט דיא ביידע נגעים פאר איין נגע (ואם לאו) אונ אוב דער פאדים ווייסקייט איז ניט ברייט וויא צוויא האר (אין מצרפן) מאכט ער ניט דיא ביידע נגעים פאר איינס . נאר יעדער פלעק איז אבזונדער נגע : ו (בהרת כגרים) אווייסער פלעק גרויס וויא אגרים (ובה מחיה כעדשה) אונ אין דעם פלעק איז דא ווילד פלייש גרוס וויא אל נדז (ושער לבן בתוך המחיה) אונ אין דעם ווילד פלייש

עשר עדשות בין הכל. גרים. הן תשעה עדשות. ומחיה אין פחות מעדשה. וכל היכא דתנינן בהרת. ה"ה לשאר מראות חלוקות ותולדו': והלכה המחיה. שבא הנגע על מקומ': הלך שער לבן. שנשר או הפך לשחור: ר"ש מטהר. אהלכה מחיה קאי: שלא הפכתו בהרת. ששער לבן קדם לבהרת של מקום המחיה: שלא הפכתו בהרת כגרים. ששער לבן קדם לבהרת כגרים. דמקום המחי' היה חסר מכגרים. וכאן נמי לא פליג ר"ש אלא אהלכ' מחיה. ואין הלכה כר"ש: ז בהרת ובה מחי' ופשיון. בהרת כגרים והסגירה.

המחיה. הלכה המחיה · טמאה מפני שער לבן. הלך שער לבן. טמא מפני המחיה. ר"ש מטהר · מפני שלא הפכתו הבהרת. בהרת היא ומחיתה כגרים ושער לבן בתוך הבהרת · הלכה המחיה טמאה מפני שער לבן. הלך שער לבן טמא מפני המחיה · ר"ש מטהר. מפני שלא הפכתו בהרת כגרים. ומודה שאם יש במקום שער לבן כגרים שהוא טמא: ז בהרת ובה מחיה

איז דא ווייסע האר (הלכה המחיה) אונ דיא ווילד פלייש איז פערגאנגען. ווייל דיא נגע האט זיך פארצויגען אוף איר ארט (טמאה מפני שער לבן) איז דער בהרת טמא דורך די ווייסע האר (הלך שער לבן) אוב דיא ווייסע האר איז אוועק גיגאנגען · זייא זענין ארויס גיפאלען אדער שווארץ גיווארן (טמא מפני המחיה) איז ער טמא דורך דיא ווילד פלייש (רבי שמעון מטהר) רבי שמעון זאגט אויב דיא ווייסע האר איז גיוועזן אין די ווילד פלייש אונ דיא ווילד פלייש איז פערגאנגען ווייל דיא נגע האט זיך פאר צויגען אוף איר ארט. איז ער טהור (מפני שלא הפכתו הבהרת) ווייל ניט דער בהרת האט גימאכט דיא האר ווייס · אונ אין דיא תורה שטייט והיא הפכה שער לבן) דער בהרת זאל ווייס מאכין דיא האר. אונ ווען דער בהרת איז גיקומען אויף דעם ארט פון דיא ווילד פלייש. איז שוין דיא האר גיוועזן ווייס פון פריער (בהרת היא ומחיתה כגרים) אוב דער בהרת מיט דיא ווילד פלייש צו זאמען איז נאר גרויס וויא א גרים (ושער לבן בתוך הבהרת) אונ אין דעם בהרת איז דא ווייסע האר (הלכה המחיה) אונ דיא ווילד פלייש איז פאר גאנגען. אונ דער בהרת האט זיך פארצויגען אויף איר ארט (טמאה) איז דיא נגע טמא (מפני שער לבן) דורך דיא ווייסע האר (הלך שער לב) אוב דיא ווייסע האר איז אוועק גיגאנגען. אונ די ווילד פלייש איז דא (טמא מפני המחיה) איז ער טמא דורך דיא ווילד פלייש (רבי שמעון מטהר) רבי שמעון זאגט אויב דיא ווילד פלייש איז אוועק גיגאנגען איז ער ניט טמא דורך דיא ווייסע האר (מפני שלא הפכתו בהרת כגרים) ווייל דער בהרת איז ניט גיוועזן גרויס וויא א גרים ווען דיא האר זענין גיווארען ווייס. אונ דער נאך אז דיא ווילד פלייש איז אוועק גיגאנגען. אונ דער בהרת האט זיך פארצויגען אויף דעם ארט פון דיא ווילד פלייש. אונ דער בהרת אליין איז גיווארן גרוס וויא א גרים. זענין דאך די ווייסע האר פאר דעם בהרת וויא א גרים (ומודה שאם יש במקום שער לבן כגרים שהוא טמא) אונ רבי שמעון איז מודה צו דיא חכמים אויב דער ארט וואו דיא ווייסע האר וואקסט איז גרויס וויא א גרים. אן דעם ארט פון דיא ווילד פלייש. נאר מען טיים ניט וועלכעס איז גיוועזן פריער. אויב דיא ווייסע האר איז גיווארען איידער דער בהרת ואיז גרויס גיווארען וויא א גרים. אדער פריער איז דער בהרת גרויס גיווארען וויא א גרים דער נאך איז גיווארען דיא ווייסע האר. פון ספק וועגין איז ער טמא (עיין תפארת ישראל): ז (בהרת ובה מחיה ופשיון) איינער האט גיהאט א בהרת האט



סען

ולסוף שבוע מלא בו מחיה ופסיון והחליטו : הלכה המחיה. כגון שבא עליה הנגע. טמא שבהרת מפני הפסיון : הלך הפשיון. כגון שנכנס הבהרת וחזרה לכגרים : וכן שער לבן ופסיון. אם הלך האחד. טמא מפני השני : הלכה וחזרה בסוף השבוע. כגון שהסגירו על בהרת כגרים. והלכה הבהרת באמצע השבוע. ובסוף השבוע חזרה. הרי היא כמות שהיתה ומסגירו הסגר שני : לאחר הפטור.

דראה אותה הכהן בסוף שבוע שהלכה לה. ופטרו. אם אחרי כן חזרה. תראה בתחלה. והאי חזרה היינו במקומה הראשון. דאי במקום אחר א"כ הרי זו בהרת אחרת : היתה עזה כשלג. כשהסגירו:

ופסיון. הלכה המחיה טמא מפני הפסיון. הלך הפסיון טמאה מפני המחיה. וכן בשער לבן ובפסיון. הלכה וחזרה בסוף שבוע. הרי היא כמות שהיתה. לאחר הפטור תראה בתחלה. היתה עזה ונעשית כהה. כהה ונעשית עזה. הרי היא כמות שהיתה

ונעשית כהה. בסוף שבוע ראשון כגון כסיד. או שהיתה כקרום בשעת הסגר ונעשית עזה כשלג בסוף שבוע ראשון: הרי היא כמות שהיתה. וטעונה הסגר שני כמו עמד בעיניו :

---

איז די וואך זיבען טאג האט מען גיזעהן אז עס מען אים פאר שלאסין אויף זיבען טאג. אונ נאך די זיבען טאג האט מען גיזעהן אז עס איז דא ווילד פלייש. אונ דער בהרת איז גרעסער גיוואָרין. איז ער גיוואָרין טמא (הלכה המחיה) אונ די ווילד פלייש איז אוועק גיגאנגען אונ דער בהרת האט זיך פאר צויגען אויף איר אָרט (טמאה מפני הפסיון) איז די נגע טמא ווייל זיא איז גרעסיר גיוואָרען נאך די זיבען טאג (הלך הפשיון) אויב די גרעסערקייט איז אוועק גיגאנגען. די נגע איז צוריק גיוואָרען ווי זיא איז גיוועזען אונ דיא ווילדפלייש איז געבליבען (טמאה מפני המחיה) איז זיא טמא דורך דיא ווילד פלייש (וכן בשער לבן ובפסיון) אונ אזו איז דער דין אז אין דיא נגע איז גיוואָרען ווייסע האר אונ זיא איז גרעסיר גיוואָרען נאך זיבען טאג. אז דיא ווייסע האר איז אוועק גיגאנגען איז זיא טמא ווייל זיא איז גרעסיר גיוואָרען. אונ אויב דיא גרעסערקייט איז אוועק גיגאנגען אונ דיא ווייסע האר איז גיבליבען. איז זיא טמא דורך דיא ווייסע האר (הלכה וחזרה בסוף שבוע) איינער האט גיהאט אבהרת האט מען אים פאר שלאסין אויף זיבען טאג. אונ אין די זיבען טאג איז דיא בהרת אוועק גיגאנגען. אונ אין סוף זיבען טאג איז דיא בהרת צוריק גיקומען (הרי היא כמות שהיתה) איז זיא גלייך ווי זיא וואלט גיוועזען דיא גאנצע זיבען אונ וואלט נאר ניט אוועק גיגאנגען. אונ מען פאר שליסט אים נאך אויף זיבען טאג (לאחר הפטור) אויב דיא נגע איז אוועק גיגאנגען אין דיא זיבען טאג. אונ סוף זיבען טאג האט דער כהן גיזעהן אז דיא נגע איז ניטא. האט ער אים מטהר גיוועזען. דער נאך איז דיא נגע צוריק גיקומען אויף דעם זעלביגען אָרט (תראה בתחלה) ווערט זיא גיזעהן אין אנהייב. גלייך ויא זיא וואלט גיוועזען אנייע נגע (היתה עזה) אין אנהייב ווען מען האט אים פאר שלאסען איז דיא נגע גיוועזען שטארק ווייס אזו וויא שניי (ונעשית כהה) אונ אין סוף וואך איז דיא ווייסקייט פון דיא נגע גיוואָרן טינקעלער. זיא איז נאר ווייס וויא וואפנע (כהה) אָדער ווען מען האט אים פאר שלאסען איז דיא ווייסקייט פון דיא נגע גיוועזען טונקעל. נאר ווייס וויא וואפנע (ונעשית עזה) אונ אין סוף וואך איז זיא שטארק ווייס אזו וויא שניי (הרי היא כמות שהיתה) איז גלייך ווי א זיא וואלט גיוועזען דיא גאנצע זיבען טאג אין איינערליי ווייסקייט. וויא זיא וואלט נאר ניט גיענדערט גיוואָרן

ובלבד שלא תתמעט מארבע מראות. שאם נתמעט מד' מראות פוטרו מיד. וטהור: כנסה ופשתה. היכא דהסגירה בבהרת כגרים ובסוף שבוע כנסה. ואח"כ פשתה את מקום הכנוס ולא יותר. או פשתה בסוף שבוע. ואחר כך כנסה את מקום הפשיון ולא יותר: רבי עקיבא מטמא. דהכי פשה: וחכמים מטהרים. שאין זה פשיון. אלא הרי היא כמו שהיתה ואי קאי בסוף שבוע ראשון. מסגירו הסגר ב'. ואי קאי בסוף שבוע שני. פוטרו וטהור: ח ופשתה כחצי גרים. לצד מזרח: והלך מן האום כחצי גרים. לצד מערב: תראה בתחלה. דחשיב כנגע אחר ונגע חדש הוא זה. ויסגיר: וחכמים מטהרים. דלא חשיב פשיון אלא א"כ מוסיף על שיעור הנגע שהיה בתחלה. וזה שאינו עכשיו אלא כגרים נחשב כראשון שעמד בעיניו וטהור: ט ופשתה כחצי גרים ועוד כו'. ר' עקיבא מטמא. משום ועוד דאשתייר ביה מן הפשיון. ונפשתה לאחר הפטור איירי:

שהיתה. ובלבד שלא תתמעט מארבע מראות. כנסה ופשתה. פשתה וכנסה. רבי עקיבא מטמא. וחכמים מטהרין: ח בהרת כגרים ופשתה כחצי גרים. והלך מן האום כחצי גרים. ר"ע אומר תראה בתחלה. וחכמים מטהרין: ט בהרת כגרים. ופשתה כחצי גרים ועוד. והלך מן האום כחצי גרים. ר"ע מטמא. וחכמים מטהרין. בהרת

כגרים

וחכמים מטהרין .

---

און מען דא זי איר פארשליסען נאך אויף זיבען טאג (ובלבד שלא תתמעט מד' מראות) נאר זיא זאל ניט זיין ווייניגער (מינקעלער) פון דיא פיר ווייסע קאלערין וואס אנגע דארף זיין (כנסה ופשתה) א בהרת וואס איז גיוועזן גרוס וויא א גרים. און מען האט אים פאר שלאסען אויף זיבען טאג. און אין סוף וואך איז זיא קלענער גיווארן. דער נאך איז זיא גרעסער גיווארן. און איז גיווארן וויא זיא איז גיוועזן פריער. וויא א גרים. ניט מעהר. אדער (פשתה וכנסה) אין ס"ף וואך איז זיא גרעסער גיווארן. דער נאך איז זיא קלענער גיווארן און איז צוריק גיווארן וויא זיא איז גיוועזן. ניט קלענער וויא א גרים (רבי עקיבא מטמא) רבי עקיבא זאגט ער איז טמא (וחכמים מטהרין) און דיא חכמים זאגן ער איז טהור נאר דאס איז אין סוף אנדערי וואך. און אוב דאס איז אין סוף ערשטע וואך פאר שליסט מען אים אויף נאך א וואך: ח (בהרת כגרים) איינער האט גיהאט א בהרת גרוס וויא א גרים. האט מען אים פאר שלאסען אויף זיבן טאג (ופשתה כחצי גרים) און דיא נגע איז גרעסר גיווארן אין איין זייט וויא א האלבער גרים (והלך מן האום כחצי גרים) און אין דיא אנדערע זייט איז קלענער גיווארן דיא נגע א האלבער גרים. רבי עקיבא זאגט (תראה בתחלה) זיא זאל גיזעהן ווערן פון דאס נייע. גלייך וויא דאס וואלט גיוועזן א נייע נגע. און מען זאל אים פאר שליסען אויף זיבען טאג (וחכמים מטהרין) און די חכמים זאגן ער איז טהור נאר דאס איז אין סוף אנדערע וואך. און אוב דאס איז אין ס"ף ערשטע וואך פאר שליסט מען אים אויף נאך א וואך וכו' תוי"ט: ט (בהרת כגרים) איינער האט גהאט א בהרת גרוס וויא א גרים. האט מען אים פארשלאסן אויף זיבען טאג (ופשתה כחצי גרים ועוד) און דיא נגע איז גרעסער גיווארען אין איין זייט עפעס מעהר וויא א האלבער גרים (והלך מן האום כחצי גרים) און אין דיא אנדערע זייט איז קלענער גיווארן דיא נגע א האלבער גרים איז געבליבען דיא נגע עפעס מעהר וויא א גרים (רבי עקיבא מטמא) רבי עקיבא זאגט ער איז טמא (וחכמים מטהרין) און דיא חכמים זאגן ער איז טהור. ווייל פון די ערשטע נגע איז אוועק גיגאנגען א האלבער גרים.

דכיון דאזל ליה תלי גרים מן האום ליכא מנגע חדש אלא תלי גרים ועוד: ופשתה כגרים ועוד. לאחר הפטור. ואח"כ הלכה לה כל האום ולא נשתייר אלא הגרים ועוד כחדש: ר' עקיבא מטמא. דהא פשה ליה משיעור קמא ורבנן סברי כיון דאזל ליה קמא כוליה והאי נגע דקאי חדש. תראה בתחלה ויסגיר: י בהרת כגרים ופשתה כגרים. כשפשת' לאחר הפטור איירי: ר' עקיבא מטמא. דיש כאן נגע וסימן טומאה

כגרים ופשתה כגרים ועוד. והלכה לה האום. ר"ע מטמא. וחכ"א תראה בתחלה: י בהרת כגרים ופשתה כגרים. ונולדה לפסיון מחיה. או שער לבן. והלך לה האום. ר"ע מטמא. וחכ"א תראה בתחלה. בהרת כחצי גרים ואין בה כלום. נולדה בהרת כחצי גרים ובה שערה אחת הרי זו להסגיר. בהרת כחצי גרים. ובה שערה אחת. נולדה בהרת

בחצי

עמו: תראה בתחלה. ואע"ג דכשתראה בתחלה נמי יטמאנה הכהן מיד. דמחיה ושער לבן מטמאים בתחלה מכל מקום נפקא מיניה דלרבנן בעי אתויי קרבן אכל חד וחד. ולר"ע כנגע ראשון חשוב וכי מתסי מכולי מייתי חד קרבן ובכל הנך דפליגי ר"ע וחכמי' במתני' הלכה כחכמים: ואין בה כלום. אין בה שער לבן: ובה שערה אחת ונולדה בהרת כו'. הרי זו להסגיר. ואע"פ שקדם כגרים בהרת לשער כאחרון. כיון דלא

---

איז זיא שוין ניט קיין נגע. אונ דיא נייע נגע איז דאך אוך נאר עפעס מעהר וויא פון אהאלבער גריס (בהרת כגרים) דער בהרת איז גיוועזן גרוס וויא אגרים (ופשתה כגרים ועוד) אונ דיא נגע איז גרעסער גיווארען מעהר וויא מיט אגרים. איז צו זאמען מעהר וויא צוויי גריסין (והלכה לה האום) אונ דיא ערשטע נגע איז אוועק גיגאנגען אין גאנצען. איז געבליבען דיא נייע נגע וואס זיא איז מעהר וויא אגרים (רבי עקיבא מטמא) רבי עקיבא זאגט ער איז טמא. דיא ערשטע נגע איז דאך גרעסער גיווארען (וחכמים אומרים) אונ דיא חכמים זאגין ווייל דיא ערשטע נגע איז אין גאנצען אוועק גיגאנגען איז דאך דיא נגע אנייע (תראה בתחלה) זאל זיא גיזעהן ווערין פון אנהייב אונ מען זאל אים פאר שליסען: י (בהרת כגרים) אבהרת גרויס וויא אגרים. אונ זיא איז אין דיא צוויי וואכען פון פאר שליסען ניט גרעסער גיווארן איז ער גיווארן טהור (ופשתה כגרים) דער נאך איז דיא נגע גרעסיר גיווארען מיט אגרים. איז ער טמא גיווארען (ונולדה לפשיון מחיה) אונ אין דעם אנדערין גריס איז גיווארן ווילד פלייש (או שער לבן) אדער ווייסע האר (והלך לה האום) דער נאך איז דיא ערשטע נגע אוועק גיגאנגען (רבי עקיבא מטמא) רבי עקיבא זאגט ער איז טמא. ווייל דיא ערשטי נגע איז גרעסיר גיווארן אונ זיא איז מיט ווילד פלייש אדער מיט ווייסע האר (וחכמים אומרים תראה בתחלה) אונ דיא חכמים זאגין דאס איז אנייע נגע ווייל דיא ערשטע נגע איז אוועק גיגאנגען דארף זיא געוויזען ווערין צום כהן (בהרת כחצי גרים) אבהרת גרויס וויא אהאלבער גריס (ואין בה כלום) אונ אין איהר איז ניטא קיין ווילד פלייש אונ ניט קיין ווייסע האר (ונולדה בהרת כחצי גרים) אונ עס איז גיווארן ביי דעם האלבען גריס נאך אהאלבער גריס (ובה שערה אחת) אונ אין דעם אנדערין האלבין גריס איז דא איין האר אווייסער (הרי זו להסגיר) דארף מען אים פאר שליסן אוף זיבען טאג (בהרת כחצי גרים) אבהרת גרויס וויא אהאלבער גריס (ובה שערה אחת) אונ אין איר איז דא איין ווייסער האר (נולדה בהרת כחצי גרים) אונ עס איז גיווארן ביי דעם האלבין גריס נאך אהאלבער גריס (ובה

קדמה את הראשון לא מהני. דבעינן שתקדים כגרים בהרת לשתי השערות: בהרת כחצי גרים ובה שתי שערות כו׳. הרי זה להסגיר. ואע״ג דחצי גרים הראשון קדם לבי שערות. לא מהני עד שיקדים כגרים שלם לשתי שערות: **יא** ונולד בהרת כחצי גרים ובה שתי שערות הרי זה להחליט. כל היכא דתנן ובה שתי שערות. או ובה שערה א׳. לאו דאתו שערות ובהרת בהדי הדדי. אלא דבהרת קדמה. ואחר כך באו שערות: ואם שער לבן קודם לבהרת טהור. דכתיב (ויקרא

בחצי גרים. ובה שערה אחת. הרי זו להסגיר. בהרת כחצי גרים ובה שתי שערות. נולדה בהרת כחצי גרים ובה שערה אחת. הרי זו להסגיר: **יא** בהרת כחצי גרים ואין בה כלום. נולדה בהרת כחצי גרים ובה שתי שערות. הרי זה להחליט. מפני שאמרו אם בהרת קדמה לשער לבן. טמא. ואם שער לבן קודם לבהרת. טהור. ואם ספק. טמא. ורבי יהושע קיהה:

**פרק ה** **כל** ספק נגעים טהור. חוץ מזה. ועוד אחר. ואיזה זה מי שהיתה בו בהרת כגרים. והסגירה. בסוף שבוע והרי היא

יג) והיא הפכה שער לבן הבהרת היא שגרמה לשער שיהפך ללבן: ספק טמא. ספק אם שער לבן קדם לבהרת. או בהרת קדמה לשער לבן. טמא: ורבי יהושע קיהה. גרסי׳. מלשון ותקהינה שניו. כלומר היו שניו קהות. מדברי האומר ספק טמא דאיהו סבר ספק טהור. ואין הלכה כרבי יהושע:

פ״ה **כל** ספק נגעים. חוץ מזה. דספק בהרת קדמה ספק שער לבן קדם: הרי היא כסלע. נעשית רחבה וגדולה כסלע: ספק

---

שערה אחת) אונ אין איר איז אויך דא איין ווייסר האר (הרי זו להסגיר) דארף מען אים פארשליסען אויף זיבען טאג (בהרת כחצי גרים) אבהרת גרוים וויא אהאלבער גרים (ובה ב׳ שערות) אונ אין איר איז דא צוויי ווייסע האר (נולדה בהרת כחצי גרים) אונ עס איז גיווארן ביי דעם האלבין גרים נאך אהאלבער גרים (ובה שערה אחת) אונ אין איר איז אויך דא. איין ווייסר האר (הרי זו להסגיר) דארף מען אים פרשליסען אויף זיבן טאג: יא (בהרת כחצי גרים ואין בה כלום) אבהרת גרוים וויא אהאלבער גרים אונ אין איר איז נאר ניטא (נולדה בהרת כחצי גרים) אונ עס איז גיווארען ביי דעם האלבן גרים נאך אהאלבער גרים (ובה שתי שערות) דער נאך איז גיווארן צוויי ווייסע האר (הרי זו להחליט) איז דיא נגע מטמא דעם מענטש ביז ער ווערט אין גאנצן גיהיילט (מפני שאמרו) ווייל מען האט גיזאגט (אם בהרת קדמה לשער לבן טמא) אוב דער בהרת איז גיווארן פריער טיא דיא ווייסע האר איז ער טמא (ואם שער לבן קדם לבהרת טהור) אונ אוב דיא ווייסע האר איז גיווארן פריער וויא דער בהרת איז ער טהור (ואם ספק טמא) אונ אויב מען ווייס ניט וואס איז גיוועז פריער איז ער טמא (ורבי יהושע קיהה) אונ רבי יהושע האט פערזאמעלט חכמים צוא מטהר זיין (ת״י):

פרק ה א (כל ספק נגעים טהור) אלע נגעים וואס זענין אספק צו זייא זענין טמא צוא טהור. איז דער מענטש טהור (חוץ מזה) נאר דער ספק צוא דער בהרת איז פריער גיוועזן צו דיא ווייסע האר איז פריער גיוועזן. איז דער מענטש טמא (ועוד אחד) אונ נאך אנגע איז טמא פון ספק וועגין (ואיזה זה) וועלכע נגע (מי שהיתה בו בהרת כגרים) איינער האט גיהאט אנגע גרוס וויא אגרים (והסגירה) אונ מען האט איר פרשלאסען אויף זיבען טאג (בסוף שבוע והרי היא כסלע) אונ אין סוף וואך איז זיא גרוים גיווארען

בסלע. ספק שהיא (היא) ספק שאחרת באה תחתיה טמא: ב החליטו בשער לבן. הלך שער לבן. וחזר שער לבן. וכן במחיה. ובפשיון. בתחלה בסוף שבוע ראשון בסוף שבוע שני לאחר הפטור. הרי היא כמו שהיתה. החליטו במחיה. והלכה המחיה וחזרה המחיה. וכן בשער לבן. ובפשיון. בתחלה בסוף שבוע ראשון בסוף שבוע שני לאחר הפטור. הרי היא כמו שהיתה.

ספק שהיא היא. ורחוי' להחליט שהרי פשה: ספק שאחרת באה תחתיה. והראשונה הלכה ורחויה להסגר. דאין פשיון מטמא בתחלה: טמא. מחליטו: ב הלך שער לבן. שהוחלט בעבורו: וחזר שער לבן. אחר תחתיו: וכן במחיה וכן בפשיון. או שלא הלך שער לבן. אלא שנולדה בו מחיה. שהיא ג"כ סימן טומאה. או שפשה הנגע: בתחלה בסוף שבוע ראשון. כלומר בין שהחליטו כיס בתחלה כשהובא אל הכהן בין בסוף שבוע ראשון בין בסוף שבוע שני בין לאחר הפטור כגון שעמד בעיניו שני שבועות ופטרו ואחר הפטור בא שער לבן והחליטו בכל הני גווני אם הלך לו שער לבן וחזר שער לבן. או מחיה או פשיון: הרי היא כמות שהיתה. כלומר נשאר בטומאה כמו שהיה הואיל ויש בו סימן



וויא אטאלער (ספק שהיא) אונ מען ווייס ניט צוא דאס איז דיא זעלביגע נגע אונ זיא איז גרוס גיווארן איז ער שוין טמא (ספק שאחרת באה תחתיה) אדער טאמער איז דיא ערשטע נגע פאר היילט גיווארען. אונ דיא איז איין אנדער נגע אנייע. דארף מען איר פאר שליסען איף זיבן טאג (טמא) פון ספק וועגין איז ער טמא: ב (החליטו בשער לבן) מען האט איינעם מטמא גיוועזן ווייל אין זיין בהרת איז גיווארן ווייסע האר (הלך שער לבן) אונ דיא ווייסע האר איז אוועק גינאנגען פון דעם בהרת (וחזר שער לבן) אונ אנדערע ווייסע האר איז גיקומן (וכן במחיה) אדער ווייסע האר איז ניט צוריק גיקומן. נאר ווילד פלייש איז גיקומן (ובפשיון) אדער די נגע איז גרעסער גיווארן (בתחלה) סייא דיא ווייסע האר איז גיווארן באלד אין אנהייב ווען ער איז גיבראכט גיווארן צום כהן (בסוף שבוע ראשון) אדער דיא ווייסע האר איז גיווארן אין סוף ערשטע וואך פון פאר שליסן (בסוף שבוע שני) אדער די ווייסע האר איז גיווארן אין סוף דיא אנדערע וואך פון פאר שליסען (לאחר הפטור) אדער אין סוף דיא אנדערע וואך איז אויך ניט גיוועזן קיין צייכן פון טומאה. האט דער כהן אים מטהר גיוועזן. דער נאך איז גיווארן דיא ווייסע האר. האט אים דער כהן מטמא גיוועזן. דער נאך איז דיא ווייסע האר אוועק גינאנגען איז ער גיווארן טהור. דער נאך איז צוריק גיקומען ווייסע האר. אדער ווילד פלייש. אדער זיא איז גרעסער גיווארן (הרי היא כמות שהיתה) איז דיא נגע טמא אזו וויא זיא איז גיוועזן (החליטו במחיה) אדער דער כהן האט אים מטמא גיוועזן ווייל ער האט ג האט ווילד פלייש (והלכה המחיה) אונ די ווילד פלייש איז אוועק גיגאנגען (וחזרה המחיה) אונ דיא ווילד פלייש איז צוריק גיקומען (וכן בשער לבן) אדער דיא ווילד פלייש איז ניט צוריק גקומן. נאר ווייסע האר איז גיווארן (ובפשיון) אדער דיא נגע איז גרעסער גיווארן (בתחלה סיי דאס איז גיוועזן באלד אין אנהייב ווען ער איז גיקומן צום כהן (בסוף שבוע ראשון) אדער דאס איז גיוועזן אין סוף ערשטע וואך פון פאר שליסען (בסוף שבוע שני) אדער דאס איז גיוועזן אין סוף אנדערע וואך פון פאר שליסען (לאחר הפטור) אדער דאס איז גיוועזן דער נאך ווא דער כהן הט אים אין גאנצן מטהר גיוועזן (הרי היא כמות שהיתה

סומלה . אע"פ שאין זה אותו סימן שהיה בשעת החלט : וחזר הפשיון . וכן בשער לבן . הא דלא קתני הכא וכן במחיה. לפי שכשהלך הפשיון ובאת המחיה פעמים שהיה טהור. כגון שהמחיה מעמה הנגע מכגרים: ג שער פקודה . לשון פקדון שהפקידה הבהרת את השער בעור הבשר והלכה לה : וחכמים מטהרים. וטעמייהו דכתיב והיא הפכה . שהפכתו היא . ולא שהפכתו חברתה :

**א** החליטו בפשיון · הלך הפשיון וחזר הפשיון . וכן בשער לבן · בסוף שבוע ראשון . בסוף שבוע שני · לאחר הפטור . הרי היא כמות שהיתה : ג שער פקודה . עקביא בן מהללאל מטמא . וחכמים מטהרין · איזה היא שער פקודה מי שהיתה בו בהרת ובה שער לבן · הלכה הבהרת והניחה לשער לבן במקומו וחזרה . עקביא בן מהללאל מטמא וחכמים מטהרין · אר"ע מודה אני בזה שהוא טהור · איזה הוא שער פקודה· מי שהיתה בו בהרת כגרים. ובה שתי שערות . והלך הימנה כחצי גרים . והניחו לשער לבן במקום הבהרת וחזר · אמרו לו

---

איז דיא נגע טמא אזו וויא זיא איז גיוועזן (החליטו בפשיון) אדער דער כהן האט אים מטמא גיוועזן ווייל דיא נגע איז גרעסר גיווארן (הלך הפשיון) אונ די מערערע איז אוועק גינאנגן (וחזר הפשיון) אונ דיא מערערע איז צוריק גיקומן (וכן בשער לבן) אדער דיא מערערע איז ניט צוריק גקומן . נאר ווייסע האר איז גיווארן (בסוף שבוע ראשון) סיא דאס איז גיווארן אין סוף ערשטע וואך פון פאר שליסען (בסוף שבוע שני) אדער אין סוף אנדערי וואך פון פרשלים (ולאחר הפטור) אדער דר נאך וויא דר כהן האט אים מטהר גיוועזן איז די נגע גרעכיר גיווארן . אונ די מערערע איז אוועק גינאנגן . אונ דר נאך צוריק גקומן . אדר ווייסע האר איז נקומן (הרי היא כמות שהיתה) איז דיא נגע טמא אזו וויא זיא איז גיוועזן : ג (שער פקודה) בעהאלטענע האר (עקביא בן מהללאל מטמא) עקביא בן מהללאל זאגט עס איז טמא (וחכמים מטהרין) אונ דיא חכמים זאגין עס איז טהור (איזהו שער פקודה) וואס הייסט בעהאלטענע האר (מי שהיתה בו בהרת) איינער האט גיהאט א בהרת ובה שער לבן) אונ אין דעם בהרת איז גיוועזן ווייסע האר (הלכה הבהרת) אונ דער בהרת איז אוועק גינאנגען (והניחה לשער לבן במקומו) אונ זיא האט גילאזין דיא ווייסע האר אויף דעם זעלבינן ארט (וחזרה) אונ דיא בהרת איז צוריק גיקומן וואס הייסט די בהרת האט בעהאלטן דיא האר ביי דיא הויט ביז זיא וועט צוריק קומען) . עקביא בן מהללאל איז מטמא ווייל דאס הייסט דיא זעלבינע נגע . איז דער בהרת גיווארן פאר דיא ווייסע האר (וחכמים מטהרין) אונ דיא חכמים זענן מטהר דאס הייסט איין אנדער נגע . איז דיא ווייסע האר גיווארין פאר דעם בהרת . אונ אז דיא ווייסע האר ווערט פאר דעם בהרת איז טהור (אמר רבי עקיבא מודה אני בזה שהוא טהור) האט רבי עקיבא גיזאגט איך בין מודה ביי דעם דין אז דיא נגע איז טהור (ואיזהו שער פקודה) וואס דען הייסט בעהאלטענע האר וואס איז טמא (מי שהיתה בו בהרת כגרים) איינער האט גיהאט א בהרת גרוס וויא א גריס (ובה שתי שערות) אונ אין איר איז גיוועזן צווייא ווייסע האר (והלך הימנה כחצי גרים) אונ אהאלבער גרים איז אוועק גינאנגען פון דעם בהרת (והניח לשער לבן במקום הבהרת) אונ ער האט גילאזין דיא צווייא ווייסע האר אין דעם אנדערן האלבן בהרת וואס עס איז געבליבן (וחזר) אונ דער האלבער בהרת וואס איז אוועק גינאנגן איז צוריק גיקומן . איז דער בהרת טמא (אמרו לו) האבן די

אף דבריך אינן מקויימין. דהאי נמי טהור והלכה כחכמים: ד בין באיש אחד. אע"ג דמה נפשך יש בו בהרת אחת שפשתה. אותה שתחלתה כגריס ועכשיו כסלע והיה ראוי להחליטו. אפ"ה הואיל ואינו יודע על איזה נגע מחליט טהור מגזירת הכתוב. דכתיב (ויקרא יג) ואם פשה תפשה בעור וטמאו הכהן אותו. את הנגע הודאי הוא מטמא ואינו מטמא את הנגע שיש בו ספק: בין בשני אנשים. אע"פ שאחד מהם טעון הסגר ז׳ ימים שנית בסוף שבוע ראשון והאחר מוחלט. הואיל ואינו יודע איזה להסגיר ואיזה להחליט. שניהם טהורים מגזירת הכתוב: ר"ע אומר

כשם שבטלו את דברי עקביא. אף דבריך אינן מקוימין: ד כל ספק נגעים בתחלה טהור. עד שלא נזקק לטומאה. משנזקק לטומאה. ספקו טמא. כיצד שנים שבאו אצל כהן בזה בהרת כגריס. ובזה כסלע. בסוף שבוע בזה כסלע ובזה כסלע. ואינו יודע באיזה מהן פשה. בין באיש אחד. בין בשני אנשים. טהור. רע"א באיש אחד טמא. ובשני אנשים טהור: ה משנזקק לטומאה ספקו טמא. כיצד

שנים

---

חכמים גיזאגט צוא רבי עקיבא (כשם שבטלו את דברי עקביא) אזו וויא מען האט מבטל גיוועזן דיא רייד פון עקביא. אונ מען האט גיזאגט דיא בהרת איז טהור (אף דבריך אינן מקוימין) אזו זענן דיינע רייד אויך ניט גוט. ווייל דער האלבער גריס וואס איז געבליבן איז גלייך וויא גאר גישט. זענן דאך דיא ווייסע האר פאר דעם בהרת: ד (כל ספק נגעים) אלע ספקות וואס עס טרעפט זיך ביי אנגע (בתחלה) אין אנהייב (טהור) איז דער מענטש טהור (עד שלא נזקק לטומאה) אייד־ער דער כהן איז גיוועזן גינייט מטמא צוא זיין דעם מענש (משנזקק לטומאה) אבער אז דער כהן איז גיוועזן גינייט מטמא צוא זיין דעם מענטש. אונ ער האט אים מטמא גיוועזן. דער נאך איז גיווארן אספק (ספקו טמא) פון ספק וועגין בלייבט ער טמא (כיצד) וויא מיינט מען (שנים שבאו אצל כהן) צוויי מענטשין זענן גיקומען צוא אכהן (בזה בהרת כגרים) דער מענטש האט גיהאט אבהרת גרוס וויא אגרים (ובזה כסלע) אונ דער מענטש האט גיהאט אבהרת גרוס וויא אטאלער. האט מען ביידע מענשין נאך גיט מטמא גיוועזן נאר מען האט זיי פאר שלאסין אוף זיבן טאג (בסוף שבוע) אין סוף זיבן טאג (בזה כסלע) איז גיוועזן דער בהרת פון דעם מענטש גרוס וויא אטאלער (ובזה כסלע) אונ דר בהרת פון דעם אנדערן מענטש איז גרוס וויא אטאלער (ואינו יודע באיזה מהם פשה) אונ ער ווייס ניט ביי וועלכין מענטש איז דיא נגע גרעסער גיווארין פון אגרים ביז אטאלער איז ער טמא. אונ ביי וועלכין מענטש איז דיא נגע געבליבן אין איר גרייס. דארף מען אים נאך אמאהל פאר שליסן (בין באיש אחד) סיי דיא צוויי נגעים זענן גיוועזן ביי איין מענטש (בין בשני אנשים) סיי דיא צוויי נגעים זענן גיוועזן ביי צוויי מענטשין (טהור) איז מען אלץ טהור. ווייל דער כהן ווייס ניט וועלכע נגע עס איז טמא אונ וועלכע עס איז טהור. זענן ביידע טהור. רבי עקיבא זאגט (באיש אחד) אז דיא צווייא נגעים זענן ביי איין מענטש (טמא) איז ער טמא (ובשני אנשים) אונ אוב דיא צוויי נגעים זענן ביי צווייא מענשין (טהור) איז מען טהור: ה (משנזקק לטומאה ספקו טמא) אז דער כהן איז גינייט מטמא צוא זיין אונ עס איז גיווארין אספק. איז טמא (כיצד) וויא מיינט מען (שנים שבאו אצל כהן) צווייא מענשין זענן גיקומ׳ צוא אכהן

כו'. ואין הלכה כר"ע: ה שניהם טמאין. דכשניהם פסה: אע"פ שחזרו להיות כסלע. דהשתא אחד מהם טהור הואיל והוזקקו לטומאה שניהם טמאים. דכתיב (שם) וטהרו הכהן. את הודאי הוא מטהר ואינו מטהר את הספק: עד שיחזרו להיות כגרים. דהשתא ודאי שניהם טהורים שהפסיון שבעבורו הוחלטו הלך משניהם:

פרקו גופה של בהרת כגרים. חצי פול: הקלקי. שם מקום ופולין שבו גדולים: מרובע. וזהו שעור מלומלם שבבהרת. ואם היה הנגע עגול או על צורה אחרת אם יש בו כדי שיכנס בתוך הנגע כגרים הקלקי מרובע. טמא. ואם לאו טהור: ב רבתה הבהרת. מכחון: טמאה. משום

**שנים שבאו אצל כהן. בזה בהרת כגרים. ובזה כסלע. בסוף שבוע בזה כסלע ועוד. ובזה כסלע ועוד. שניהן טמאין. אע"פ שחזרו להיות כסלע וכסלע שניהן טמאין עד שיחזרו להיות כגרים. זה הוא שאמרו. משנזקק לטומאה ספקו טמא:**

**פ"ו גופה של בהרת. כגרים הקלקי מרובע. מקום הגרים תשע עדשות. מקום עדשה ד' שערות נמצאו שלשים ושש שערות: ב בהרת כגרים ובה מחיה כעדשה. רבתה הבהרת טמאה. נתמעטה**

---

(בזה בהרת כגרים) דר טעטש האט גיהאט אבהרת גרוס וויא אגרים (ובזה כסלע) אונ דר מע טש האט גיהאט אבהרת גרוס וויא אטאלער. האט מען ביידע מענטשין פאר שלאסין אוף זיבן טעג (בסוף שבוע) אין סוף זיבן טעג (בזה כסלע ועוד) א ז דר בהרת גיווארן גרעסר וויא אטאלער (ובזה כסלע ועוד) אונ דער בהרת איז גיווארן גרעסר וויא אטאלער (שניהן טמאין) זענן ביידע מענטשין טמא (אף על פי שחזרו להיות כסלע וכסלע) אפילו דיא צווייא בהרת זענן דער נאך קלענער גיווארן. אונ דר בהרת איז גרוס וויא אטאלער אונ דער בהרת איז גרוס וויא אטאלער. איז דאך איינר גרעסר וויא ער איז גיוועז ודער וואס איז גיוועז וויא אגרים אונ איינער איז גלייך וויא ער איז גיוועז ודער וואס איז פריער אוך גיוועז וויא אטאלער). פון דעקטוועגין (שניהם טמאין) זענן ביידע מענטשין טמא (עד שיחזרו להיות כגרים) ס'דין ביידע זאלין נאך קלענער ווערין ביז אגרים. וועלין ביידע זיין טהור (זה הוא שאמרו) דאס איז וואס מען האט גיזאגט (משנזקק לטומאה) אז דר כהן איז גיוועט מטמא צו זיין (ספיקו טמא) פון ספק ווענין איז מען אוך מטמא:

פרק ו א (גופה של בהרת) דיא גרייס פון אבהרת עס זאל טמא זיין (כגרים הקלקי) אזו וויא אהאלבער פול (באב) פון דיא פול וואס וואקסט אן דעם ארט קלק (מרובע) דר בהרת דארף זיין פיר קאנטיג. אונ אוב ער איז ניט פיר קאנטיג. דארף מען קענען פון דעם בהרת ארוס נעמען אפיר קאנטיגן ארט מען זאל קענן אוף דעם ארט ארויף לייגין אהאלבין פול (מקום הגרים) וויא פיל פאר נעמט דער ארט פון אהאלבין פול (תשע עדשות) ניין לינדזין (מקום עדשה) וויא פיל פאר נעמט דער ארט פון אלינדז (ארבע שערות) פיר האר (נמצאו שלשים ושש שערות) איז אהאלבער פול פאר נעמט זעקס אונ דרייסיג האר אזו וויא זייא וואקסין אין דיא הויט פון מענטש: ב (בהרת כגרים) אבהרת גרוס וויא אגרים (ובה מחיה כעדשה) אונ אין איר איז דא ווילד פלייש גרוס וויא אלינדז אונ דיא ווילד פלייש מיט דעם בהרת צ א זאמען איז גרוס ווי אגרים. איז ער גיווארין טמא (רבתה הבהרת) דער בהרת איז גרעסער גיווארין אין איין זייט (טמאה) איז דר בהרת טמא ווייל ער איז גרעסער גיווארן. אונ ניט דורך דיא ווילד

נתמעטה טהורה. רבתה המחיה *טמאה. נתמעטה טהורה: ג בהרת כגרים ובה מחיה פחותה מכעדשה. רבתה הבהרת טמאה. נתמעטה טהורה. רבתה המחיה טמאה. נתמעטה. ר"מ מטמא. וחכמים מטהרים. שאין הנגע פושה לתוכה: ד בהרת יתרה מכגרים. ובה מחיה יתרה מכעדשה. רבו או שנתמעטו. טמאין. ובלבד שלא יתמעטו מכשעור: ה בהרת כגרים. ומחיה כעדשה

*גמרא נ"א טהורה

פסיון: נתמעטה טהורה. דליכא כגרים: רבתה המחיה. וכסה הבהרת: טהורה. דאין המחיה מבוררת. דבעינן בהרת כעדשה מכל צד סביב למחיה: ג רבתה הבהרת מבחוץ: טמאה. שהרי פשהה בעור: נתמעטה טהורה. ואפילו היתה המחיה כעדשה: רבתה המחיה. ונעשית כעדשה טמאה: נתמעט. שפשטה הבהרת עליה: ר"מ מטמא. דחשיב ליה פסיון מבפנים כמו מבחוץ: וחכמים מטהרים. דפסיון שבפנים לא חשיב פסיון. והלכה כחכמים: ד שלא יתמעטו מכשיעור. בהרת מכגרים ומחיה מכעדשה: ה בהרת כגרים. מרובע ורלוע׳ של בשר חי ברוחב כעדשה מקפת אותה מסביב. ותוך לאותו בשר חי מקפת בהרת כגרים מסביב והרי יש כאן שתי בהרות אחת פנימית ואחת חיצונה. ומחיה מפסקת ביניהן סביב: הפנימית

---

טמא. אויב עס איז דא אויף דיא קלייד אנגע (הבגדים מטמאין בירקרק שבירוקים) איב עס איז דא אויף אקלייד אגאנץ גרינער פלעק איז דיא קלייד טמא (ובאדמדם שבאדומים) אדער דער פלעק איז גאנץ רויט איז אויך טמא (היה ירקרק) אויב עס איז געוועזן אגרינער פלעק גרויס וויא אגריס אונ מען האט אים פאר שלאסען אויף זיבען טאג (ופשה אדמדם) אונ ביא דעם גרינעם פלעק איז אין סוף זיבען טעג געווארין נאך ארויטער פלעק. אדער (אדמדם) עס איז געוועזן ארויטער פלעק (ופשה ירקרק) אונ ביא דעם רויטען פלעק איז געווארען נאך אגרינער פלעק (טמא) ווערט דיא קלייד טמא (נשתנה ופשה) דיא נגע איז געענדערט געווארען אונ האט זיך פאר גרעסערט. דיא נגע איז געוועזן גרין אונ גרויס וויא אגריס. אונ אין סוף זיבען טאג איז זיא געווארין גרויס וויא אטאלער אונ איז געווארין אין גאנצען רויט. אדער (נשתנה ולא פשה) זיא איז געענדערט געווארין אונ ניט פאר גרעסערט. פריער איז זיא געוועזן גרין אונ גרויס וויא אגריס. אונ אין סוף זיבען טאג איז זיא אויך גרויס וויא אגריס נאר אין גאנצין רויט (כאילו לא נשתנה) איז גלייך וויא זיא וואלט ניט געענדערט געווארין. דיא וואס איז גרעסער געווארין דארף מען פאר ברענין. אונ דיא וואס איז ניט גרעסיר געווארען דארף מען פאר שליסען נאך אויף זיבען טאג. רבי יהודה זאגט (יראה בתחלה) אז עס איז געענדערט געווארען הייסט אנייע נגע דארף זיא געזעהן ווערין צום כהן נאר פון אנהייב: ה (העומד בראשון) אז דיא נגע איז געבליבען שטיין די ערשטע זיבען טאג אין דעם זעלבינגען קאלאר (זיא איז ניט טונקעלער געווארין) אונ אין דיא זעלבינגע גרייס (יכבס) זאל ער וואשין דעם ארט וואס דיא נגע איז (ויסגיר) אונ זאל פאר שליסען נאך אויף זיבען טאג (העומד בשני) אין סוף דיא אנדערע זיבען טעג שטייט ער אויך אין דעם זעלבינגען קאלאר ניט טונקעלער געווארען אונ ניט גרעסער געווארין (ישרף) זאל מען פאר ברענין (הפושה בזה ובזה) אויב דיא נגע איז גרעסער געווארין אין דיא ערשטע זיבען טעג אדער אין דיא אנדערע זיבען טעג (ישרף) זאל מען פאר ברענען (הכהה בתחלה) דער כהן האט געזעהן דיא נגע אונ איידער ער

שהסגיר כהה: יכבס ויסגיר. כאילו כהה בסוף שבוע ראשון: הכהה. שהיה מתחלה אוק סירקות. או האדמימות. ונעשה ירוק ביהוני או אדום ביהוני: אינו זקוק לו. אין זקוק להסגירו ועכור. והלכה כחכמים: הכהה בראשון יכבס ויסגיר. כאילו לא כהה: הכהה בשני. דבסוף שבוע שני אלא שכהה: קורע ושורף מה שקרע וצריך מטלית. לשון אלאי תתיכת בגד במקום הקרע דכתיב ואם תראה עוד. ואין עוד אלא מקומו מלמד שהוא מול' עליו מטלית: ר' נחמיה אומר כו'. ואין הלכה כר' נחמי': ן חזר נגע לבגד. במקום אחר מן הבגד ולא במטלית שנתן על מקום הקריעה: מציל את המטלית. כשמורף את הבגד כלו. כדכתיב ואם תראה עוד בבגד גו' ושרף את הבגד. מציל את המטלית. אותו טלאי שנתן על מקום הקריע' מצילו. ואינו שורפו עם הבגד: חזר למטלית. לאותו טלאי שחבר בו: שורף את הבגד. כאילו חזר בבגד עצמו אבל המטלית אינו טעון שריפה אלא אם הוא שלש על שלש מסגירו. ואם עמד בעיניו שבועות שנים או פשה בשבוע ראשון שורף. ואם פחות משלש על שלש אינו מטמא בנגעים: הטולה מן

ישמעאל אומר יכבס ויסגיר. וחכ"א אינו זקוק לו. הכהה בראשון יכבס ויסגיר. הכהה בשני קורעו ושורף מה שקרע וצריך מטלית. רבי נחמיה אומר אינו צריך מטלית: ן חזר נגע לבגד מציל את המטלית. חזר למטלית שורף את הבגד. הטולה מן

---

הָאט אִים פַאר שְׁלָאסִין אִיז זִיא טִינְקֶעלֶער גִיוָוארִין וְזִיא אִיז פְרִיעֶר גִיוָועוֶן שְׁטַארְק גְרִין אָדֶער שְׁטַארְק רוֹיט. אִיצְט אִיז דִיא גְרִינְקֵייט אָדֶער דִי רוֹיטְקֵייט מִיטֶעל) רַבִּי יִשְׁמָעֵאל זָאגְט (יְכַבֵּס וְיַסְגִּיר) מֶען זָאל אוֹיס וַואשֶׁען דִיא נֶגַע אוּנ פַאר שְׁלִיסֶען אוֹיף זִיבֶּען טָאג (חֲכָמִים אוֹמְרִים) אוּנ דִיא חֲכָמִים זָאגִין (אֵינוֹ זָקוּק לוֹ) דֶער כֹּהֵן דַארְף אִים נִיט פַאר שְׁלִיסֶען נָאר עֶר אִיז טָהוֹר (הַכֵּהָה בָּרִאשׁוֹן) אַז דִיא נֶגַע אִיז טִינְקֶעלֶער גִיוָוארִין אִין דִי עֶרְשְׁטֶע זִיבֶּען טֶעג (יְכַבֵּס וְיַסְגִּיר) זָאל מֶען אוֹיס וַואשֶׁען אוּנ פַאר שְׁלִיסֶען (הַכֵּהָה בַּשֵּׁנִי) אַז דִיא נֶגַע אִיז טִינְקֶעלֶער גִיוָוארִין אִין דִיא אַנְדֶערֶע זִיבֶּען טָאג (קוֹרְעוֹ) זָאל עֶר אוֹיס רַייסִין דִיא נֶגַע (וְשׂוֹרֵף מַה שֶּׁקָּרַע) אוּנ זָאל פַאר בְּרֶענִין דִיא שְׁטִיק וָואס עֶר הָאט אוֹיס גֶערִיסֶען (וְצָרִיךְ מַטְלִית) אוּנ עֶר דַארְף בֶּענֵייעֶן אַלַאטֶע אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס עֶר הָאט אוֹיס גֶערִיסֶען. רַבִּי נְחֶמְיָה זָאגְט (אֵינוֹ צָרִיךְ מַטְלִית) מֶען דַארְף נִיט קֵיין לַאטֶע: ן (חָזַר נֶגַע לְבֶגֶד) אוֹיבּ דִיא נֶגַע אִיז צוּרִיק גִיקוּמֶען אוֹיף דִיא קְלֵייד. אוֹיף אֵיין אַנְדֶער אָרְט. נִיט אוֹיף דִיא לַאטֶע (מַצִּיל אֶת הַמַּטְלִית) אִיז עֶר מַצִּיל דִיא לַאטֶע. דִיא גַאנְצֶע קְלֵייד דַארְף מֶען פַאר בְּרֶענֶען נָאר דִיא לַאטֶע נִיט (חָזַר לְמַטְלִית) אוֹיבּ דִיא נֶגַע אִיז צוּרִיק גִיקוּמֶען אוֹיף דִיא לַאטֶע (שׂוֹרֵף אֶת הַבֶּגֶד) בַּארְף עֶר פַר בְּרֶענִין דִי גַאנְצֶע קְלֵייד. אוּנ מִיט דִיא לַאטֶע אִיז אַזוֹ דֶער דִין. פַאר בְּרֶענִין דַארְף מֶען זִיא דֶער וַוייל נִיט. נָאר אוֹיבּ דִיא לַאטֶע אִיז גְרוֹיס דְרַייא פִינְגֶער דִיא לַיינְג אוּנ דְרַייא פִינְגֶער דִיא בְּרֵייט זָאל מֶען זִיא פַאר שְׁלִיסֶען. אוּנ אוֹיבּ זִיא אִיז גִישְׁטַאנֶען אִין דֶעם זֶעלְבִּיגֶען קָאלָאר אוּנ אִין דִיא זֶעלְבִּיגֶע גְרֵיים דִיא עֶרְשְׁטֶע זִיבֶּען טָאג. פַאר שְׁלִיסְט מֶען נָאךְ אוֹיף זִיבֶּען טָאג. אוּנ אוֹבּ אִין סוֹף דִיא אַנְדֶערֶע זִיבֶּען טָאג אִיז זִיא אוֹיךְ גִישְׁטַאנֶען אִין דִיא זֶעלְבִּיגֶע גְרֵיים אוּנ אִין דֶעם זֶעלְבִּיגֶען קָאלָאר דַארְף מֶען אִיר פַאר בְּרֶענֶען. אָדֶער בַּאלְד אִין דִיא עֶרְשְׁטֶע זִיבֶּען טָאג אִיז זִיא גְרֶעסֶער גִיוָוארֶען דַארְף מֶען אִיר אוֹיךְ פַאר בְּרֶענִין. אוּנ אוֹיבּ דִיא לַאטֶע אִיז וַוייגְנֶער וְוִיא דְרַייא פִינְגֶער אוֹיף דְרַייא פִינְגֶער אִיז זִיא טָהוֹר (הַטּוֹלֶה מִן הַמּוּסְגָּר

מן המוסגר בטהור. חזר נגע לבגד שורף את המטלית. חזר למטלית. הבגד הראשון ישרף. והמטלית תשמש את הבגד השני בסימנין : ז קיטא שיש בה פספסין צבועים ולבנים פושין מזה לזה. שאלו את ר"א

המוסגר. שעשה טלאי מחתיכת בגד מוסגר על בגד טהור. ומוסגר קרי לבגד שעמד בעיניו בשבוע ראשון ובשבוע שני כשה. דקורע ממנו הנגע ושורף מה שקרע ושאר הבגד קרוי מוסגר : חזר הנגע לבגד. המוסגר שנטלה ממנו חתיכה זו שהיא עתה טלאי לבגד טהור. אע"פ שהבגד המוסגר טעון שריפה כדכתיב ואם תראה עוד בבגד וכו' : מציל את המטלית. היינו הטלאי הזה שנטל ממנו ומחובר בבגד הטהור מלילו ואינו שורפו עם הבגד המוסגר : חזר. הנגע : למטלית. לחתיכה זו שנטלה מן המוסגר : ישרף. המוסגר. בכל מקום שהוא כאילו היתה חתיכה זו מחוברת בו ותתיכה תשמש הבגד השני שהיא מחוברת בו : בסימנים. שמסגירים עם הבגד השני דדינו של שני כאילו הנגע בו בין לענין הסגר בין לענין שריפה וכבוס וכל דבר. ולאחר שמשמש הבגד השני אפי' הלך הנגע לגמרי מן החתיכה טעון שריפה. שהרי מתחזר בו הנגע מתחלתו כבר הוזקק לשריפה : ז קיטא. מלבוש שרגילים ללבוש בימות החמה. תרגום קיץ קיטא. ולי נראה שהוא ל' רומ"י שקורים למלבוש של אשה קוט"א : שיש לה פספסין. מנומרת בצבעים הרבה. לבן וירוק ושחור ודומיהן. פספסין לשון פס יד. שפסת יד מבגד לבן ופסת יד מבגד של צבע : ולבנים פושים מזה לזה. מלבן ללבן. ואע"פ שהצבוע מפסיק חשוב

בטהור) ער האט געמאכט אלאטע פון אקלייד וואס איז פאר שלאסן געווארן אין אקלייד וואס איז טהור. ער האט געהאט אקלייד מיט אנגע. האט מען איר פר שלאסען אויף זיבען טאג. אין דיא זיבען טאג איז זיא געווען אין דעם זעלבינגען קאלאר. האט מען פאר שלאסען נאך אויף זיבען טאג. אין דיא אנדערי זיבען טאג איז דיא נגע טינקעלער געווארען. דארף מען אויס רייסען דיא נגע אונ פאר ברענין. אונ פון דיא איבעריגע קלייד הט ער ארפ גענומען אשטיקל אונ האט געמאכט אלאטע צוא אקלייד וואס איז טהור (חזר נגע לבגד) דער נאך איז צוריק גיקומען דיא נגע אויף דיא קלייד וואס מען האט פון איר גענומען דיא לאטע. דארף מען דיא גאנצע קלייד פאר ברענין (מציל את המטלית) נאר דיא לאטע איז מען מציל אונ מען פר ברענט איר ניט ווייל זיא איז בהעפט צו אקלייד וואס זיא איז טהור (עיין ת"י) (חזר למטלית) אויב דיא נגע האט זיך צוריק גיקערט צו דיא לאטע (הבגד הראשון ישרף) דיא ערשטע קלייד וואס פון איר איז דיא לאטע גינומען געווארין זאל מען פאר ברענין (והמטלית תשמש את הבגד השני) אין דיא לאטע זאל בלייבין מיט דיא אנדערע קלייד וואס זיא איז צוא גינייט צו איר (בסימנין) מיט צייכינם פון טומאה. מען דארף פאר שליסען דיא אנדערע קלייד מיט דיא לאטע. אדער פאר ברענין. אדער אויס וואשען. גלייך וויא דיא נגע וואלט געווען אין דיא אנדערע קלייד : ז (קיטא) אזומער קלייד (שיש בה פספסים צבועים) וואס זיא איז גיפארבט פון עטליכע קאלארין. אשטיק קלייד וויא אהאנט גרוים איז גיפארבט אאנדער קאלאר. אשטיק איז גיפארבט ווייס. אונ אין דיזא שטיק וואס איז גיפארבט ווייס איז דא אנגע (ולבנים פושין מזה לזה) אונ דיא נגע איז פאר גרעסערט געווארין פון איין ווייסין ארט אין דעם אנדערין ווייסין ארט. אפילו צווישען דיא צווייא ווייסע ארטער איז דא אא דער קאלאר. פון דעסטוועגין איז טמא. (שאלו את רבי אליעזר)

פסיון. דפסיון רחוק מטמא בכגרים: והרי שני שבועות. שאע"פ שאין לו במה יפשה
הוא פספס יחידי. כלומר אם לא הי׳ בו יכול לבא לידי טומאה אם יעמוד בעיניו
אלא פספס אחד לבן. וכל שאר הפספסין ב׳ שבועות: הפסיון הסמוך. כשפשה סמוך
לבועין מי בעי הסגר. או לא. משום דאין לו לאוס: הרחוק. שהאוס בראש א׳ של בגד

**ר"א· והרי הוא פספס יחידי· אמר להן לא שמעתי. א"ל ר׳ יהודה בן בתירה אלמד בו. א"ל אם לקיים דברי חכמים. הן. א"ל שמא יעמוד בו ב׳ שבועות. והעומד בבגדים ב׳ שבועות טמא. א"ל חכם גדול אתה שקיימת דברי חכמים. הפשיון הסמוך כל שהוא. הרחוק כגרים. והחוזר כגרים: ח השתי והערב מיטמאין בנגעים מיד. ר׳ יהודה אומר**

להיכן יפשה: אמר להן לא שמעתי. כלומר קבלתי מרבותי דטעון הסגר. ולא פירשו לו הטעם למה. אלמד בו. כלומר תרשני לומר לפניך טעם לדבר· אם לפרש דברי חכמים הן. שלא תסתור מה שקבלתי: שמא יעמוד

והפסיון בראשו השני: החוזר. כגון שכהה בשני דקורעו ושורף מה שקרע וכתיב ואם תראה עוד בבגד ושרף וכו׳. וזהו החוזר ושעורו בכגרים: ח השתי והערב. של למר שניכר בין שתי לערב שהשתי דק והערב עב מאד:

מען האט גיפרעגט צוא רבי אליעזר (והרי הוא פספס יחידי) אויב עס איז נאר דא איין ווייסער ארט וואס ער איז גרויס נאר וויא אגרים ניט מעהר. אונ אויף אים איז דא אנגע וויא אגרים. אונ דיא גאנצע קלייד איז איין אנדער קאלאר. וויא איז דער דין דארף מען אים פאר שליסען צו ניין. ווארום אז דיא נגע וועט זיך פאר גרעסערין אויף דיא גיפארבטע וועט ניט טמא זיין (אמר להן לא שמעתי) האט רבי אליעזר גיזאגט צוא זייא איך האב גיהערט פון מיין רבי אז מען דארף אים פאר שליסען נאר איך האב ניט גיהערט קיין טעם פאר וואס מען זאל דארפין פאר שליסען (אמר לו רבי יהודה בן בתירא) האט רבי יהודה בן בתירה גיזאגט צו רבי אליעזר דוא זאלסט מיר געבין רשות (אלמד בו) איך זאל לערנין א טעם צו דעם דין (אמר לו) האט רבי אליעזר גזאגט צוא רבי יהודה (אם לקיים דברי חכמים) אוב דוא ווילסט לערנין אז עס זאל בלייבין וויא דיא חכמים האבין גיזאגט אז מען דארף פאר שליסען (הן) יא מעגסטו זאגין. אבער טאמער ווילסטו זאגין אז מען דארף ניט פאר שליסען. זאלסטו ניט זאגין. ווארום איך האב גילערנט פון מיין רבי אז מען דארף פאר שליסען (אמר לו) האט רבי יהודה גיזאגט צו רבי אליעזר (שמא יעמוד בו שני שבועות) טאמער וועט ער זיך ניט פאר גרעסערין. נאר ער וועט אזו זיין צוויי וואכין (והעומד בבגדים שני שבועות טמא) ביי קליידער אז אנגע איז אין איין קאלאר (ניט פינקעלער) צוויי וואכין ווערט ער טמא (אמר לו) האט רבי אליעזר גזאגט צו רבי יהודה (חכם גדול אתה) דוא ביסט אגרויסער חכם (שקיימת דברי חכמים) דוא האסט דער האלטען דיא רייד פון דיא חכמים (הפשיון הסמוך) אז דיא פאר גרעסערונג פון דיא נגע איז ביי די נגע (כל שהוא) אז עס איז נאר עפים פאר גרעסערט גיווארען איז שון טמא (הרחוק) אבער אז דאס פאר גרעסערונג איז ווייט פון דיא נגע. איז אנדערש ניט מטמא נאר אז דיא פאר גרעסערונג איז גרויס (כגרים) אזוי וויא אגרים (והחוזר) אז די נגע איז גקומן צוריק אין די קלייד אונ זיא איז גרוס (כגרים) אזו וויא אגרים. דארף מען דיא קלייד פאר ברענין: ח (השתי והערב) דיא לאנגע פעדים אונ דיא דורך ווארף פעדים פון וועבער (מיטמאין בנגעים מיד) אוב אוף זייא איז דא אנגע ווערין זייא

אומר השתי משישלק. והערב מיד. והאונין של פשתן משיתלבנו. כמה יהא בפקעת ותהא מיטמא׳ בנגעים. כדי לארוג ממנה שלש על שלש שתי וערב. אפילו כולה שתי אפילו כולה ערב. היתה פסיקות אינה מיטמאה בנגעים. רבי יהודה אומר אפילו פסיקה אחת וקשרה. אינה מיטמאה: **ט** המעלה מן הפקעת לחברתה. מן הסליל לחברו. מן

השתי משישלק. דכתיב בבגד צמר או בבגד פשתים או בשתי או בערב. מה בגד שנגמרה מלאכתו אף שתי וערב משתגמר מלאכתן. ות״ק סבר או בשתי הפסיק הענין: משישלק. במים רותחים. וי״ם שגורסים משישלה. כלומר משיהיו שולין ומסירים אותו מן היורה ששולקים אותן בה ללבנן: האונין של פשתן. אגודות מטוה של פשתן. ולפי שבפשתן אין ניכר בין שתי לערב כמו בצמר. מש״ה לא מפליג בהו בין שתי לערב: משיתלבנו. שנותנים אותן בתנור שיתחממו בהבל התנור ויתלבנו שם: פקעת. עץ שהנשים מסבבות המטווה מן הכוש לתוכו: כדי לארוג ממנה שלש על שלש. שיהא בה שיעור לעשות

כל הבגד של שלש אצבעות על ג׳ אצבעות ממנה. גם השתי גם הערב. כדקתני ואפי׳ כלה שתי. ואפי׳ כלה ערב: היתה פסיקות. שהיו החוטים שבפקעת מופסקין. לא הוי חבור. אבל אם היו קשורים הוי חבור: אפי׳ פסיקה אחת. שאין בכל הפקעת אלא פסיקה אחת וקשרה. לא הוי חבור ואין הלכה כר׳ יהוד׳: **ט** המעלה מן הפקעת לחברתה. פעמים שהנשים עושות פקעת בת אמה או בת שתי אמות. ומגלגלות ומסבבות מזו לזו לעשות פקעת גדולה. ואם עד שלא תעלה את כלה נראה נגע באחד מהן וחוט מחברן הוי השני טהור: סליל. עץ חלול כמין קנה שמחברים

---

באלד טמא. רבי יהודה זאגט (השתי משישלק) דער לאנגער פאדים ווערט אנדערש ניט טמא ביז מען קאכט אים אין הייסע וואסער ער זאל קלאר ווערין (והערב מיד) און דער דורך ווארף פאדים ווערט באלד טמא (והאונין של פשתן) פעדים געשפונען פון פלאקס (משיתלבנו) אז זייא ווערין דער היצט אין הויבין. דער נאך קענען זייא טמא ווערין פון אנגע (כמה יהא בפקעת) וויא פיל פאדים זאל זיין אויף דעם קנויל ותהא מיטמאה בנגעים) אז עס זאל טמא ווערין פון אנגע (כדי לארוג ממנה שלש על שלש שתי וערב) מען זאל קענין וועבין פון איר דרייא פינגער דיא לייננ און דריי פינגער די ברייט דורך צוא ווארפין דיא פעדים אין דער לייננ און דיא ברייט (אפילו כולה שתי) אפילו עס קען נאר גיוועבט ווערין דיא לאנגע פעדים אליין דריי פינגער דיא לייננ און דרייא פינגער דיא ברייט (אפילו כולה ערב) און אפילו עס קען נאר גיוועבט ווערין דיא דורך ווארף פעדים אליין דרייא פינגער דיא לייננ און דריי פינגער דיא ברייט. קען דאס אויך טמא ווערין פון אנגע (היתה פסיקות) אויב דער קנויל איז גיוועזן מיט איבער גיהאקטע פעדים קורצע (אינה מיטמאה בנגעים) ווערט דאס נישט טמא פון אנגע. און אז ער האט דיא פעדים צוזאמען גענקניפט ווערט טמא פון אנגע. רבי יהודה זאגט (אפילו פסיקה אחת) אפילו אין גאנצין קנויל איז נאר גיוועזן איין פאדים איבער גיהאקט (וקשרה) און ער האט איר צו גיקניפט. פון דעסטוועגן (אינה מיטמאה בנגעים) ווערט זי ניט טמא פון אנגע. **ט** (המעלה מן הפקעת לחברתה) אז ער וויקולט פון איין קנול אויף דעם אנדערין. צו מאכין פון צווייא קנולין איין קנול אגרויסין. און איידער ער האט ארויף געוויקולט אין גאנצין האט ער גיזעהן אנגע אויף איין קנול. אפילו דער פאדים כהעפט דאך ביידע קנולין. פון דעסטוועגין איז דער אנדערער קנול טהור (מן הסליל לחברו) אז ער וויקולט

שמחברים עליו המטוס: כובד העליונה. שני עצים עגולים שהאורגין כורכים בהן השתי שלהן וגוללין ונראה נגע בכובד האחד: הרי זה טהור. דלא הוי חבור: וכן שני דפי חלוק. נמי אינן חבור. ולא כעין חלוקים שלנו שמחתכי' ומחברין בו בתי הזרוע ושאר חתיכות בתפירה של חבור גמור דההוא ודאי חשוב חבור כאילו הוא בגד אחד. אלא מיירי דלא מיחבר כולי האי: בנפש המסכת. חוט הערב שנכנס לתוך השתי כנפש לתוך הגוף. ועד שיתישבו על מכונם אצל האורג הוו כשתי להצטרף עמו לנגע בגדים. אי נמי בתחלה כשאורג בו שתי בתי נירים קודם שיארג בו ג' על ג': ובשתי העומד. שם חוטי השתי שבין כובד העליון לתחתון שעומדי' שם ליארג ולהפסק בהן חוטי הערב. וקא משמע לן דלא תימא כל חוט וחוט עומד בפני עצמו ואין בו רוחב בגדים. אלא כולם חבור זה לזה. ואם נראה (נמי) נגע בגד זה. טמא בגד אחר: אם היה רצוף. שהחוטים רצופים זה אצל זה. כעין רצפה שאורגין זה אצל זה. שכן דרך האורגים לייפות אריגתה מכוונת או חשובה חבור. ואי לאו הכי. חזינן כל חוט כאילו עומד בפני עצמו. ולא הוי חבור. ואין הלכה כר"ש: י נראה הנגע בשתי העומד האריג טהור. כשאין עתיד לארוג

**הכובד העליונה לכובד התחתונה. וכן שני דפי חלוק שנראה נגע באחד מהן. הרי השני טהור. בנפש המסכת ובשתי העומד. הרי אלו מיטמאין בנגעים מיד. ר"ש אומר השתי אם היה רצוף מיטמא: י נראה בשתי העומד האריג טהור. נראה באריג**

---

פון איין סליל אויף דעם אנדערן (סליל איז אזו אבלי וואס מען וויקעלט אויף אים דיא געשפונענע פאדים) אונ ווען מען האט געוויקעלט האט מען דער זעהן אנגע אויף איין סליל. איז דער אנדערער סליל טהור (מן הכובד העליונה לכובד התחתונה) דער וועבער האט צוויא גראבע שטעקינס אין דער מאשין. איינער העכער (נענטער צוא אים) אונ איינער נידריגער (ווייטער פון אים). אויף איינעם איז ארום געוויקעלט דיא פאדים וואס ער וועבט. אונ אויף איינעם איז ארום געוויקעלט דיא אפגיוועבטע. אונ דאס וויקעלט זיך פון איין שטעקין אויף דעם אנדערין. אוב מען האט גיזעהן אויף איינעם אנגע איז דער אנדערער טהור (וכן שני דפי חלוק) אונ אזו איז דער דין ביי דיא צוויי זייטין פין אהעמד. דיא פאדערשטע זייט אונ דיא אינטערשטע זייט. אוב זייא זענען ניט נים צוא זאמען גינייט (שנראה נגע באחד מהן) אונ עס איז דא אנגע אויף איין זייט (הרי השני טהור) איז דיא אנדערע זייט טהור (בנפש המסכת) אז מען האט דער זעהן אנגע אויף דיא דורך וואָרף פעדים איידער מען האט זייא צוא גיצונין צוא דיא גיוועבטע (ובשתי העומד) אדער מען האט דער זעהן אנגע אויף דיא לאנגע פעדים וואס שטייען צווישין דיא ביידע שטעקינס איידער מען האט דורך גיצוגין דעם דורך וואָרף (הרי אלו מיטמאין בנגעים מיד) ווערין זייא באלד טמא דורך ד' נגע. רבי שמעון זאגט (השני אם היה רצוף מיטמא) דיא לאנגע פעדים אוב זייא זעני' פאר גלייכט איינס ביי דאס אנדערע אונ אויף זייא איז דא אנגע ווערין זייא טמא. אבער אז זייא זענין ניט פאר גלייכט אונ אויף זייא איז דא אנגע ווערין זייא ניט טמא: י (נראה בשתי העומד) אוב עס איז גיזעהן גיווארין אנגע אין דיא לאנגע פעדים וואס שטייען צווישן דיא ביידע שטעקינס. אונ מען וועט שון ניט מעהר וועבין (האריג טהור) איז דיא גיוועבטע טהור (נראה באריג) אוב דיא נגע איז גיזעהן גיווארין אין דיא גיוועבטע

בארוג השתי העומד טהור. נראה בסדין שורף את הנימין. נראה בנימין הסדין טהור. חלוק שנראה בו נגע מציל את האומריות שבו. אפי׳ הן ארגמן: **יא** כל הראוי ליטמא טמא מת. אע״פ שאינו ראוי ליטמא מדרס מיטמא בנגעים. כגון קלע של ספינה. ווילון. ושבים של סבכה. ומטפחות של ספרים. וגלגלון. ורצועות מנעל וסנדל שיש בהן רוחב בגרים. הרי אלו מיטמאין בנגעים. סגוס שנראה בו נגע. ראב״י אומר עד שיראה בארוג ובמוכין.

לארוג יותר: השתי העומד טהור. היינו מה שאין עתיד לקלן מן השתי עם הארוג: הנימין. חוטין שבראש הסדין ובסופו: מציל את האומריות. שפת הבגד. שאינו שורף אותו. דכתיב ושרפאת הבגד בגמר או בפשתים. שאין ת״ל בגמר או בפשתים. אלא ללמדך שאין שורף האומריות שמהן: ואפי׳ הן ארגמן. דלא תימא דאין מציל אלא כשהאומריות של מין אחר שאינו מטמא בנגעים כגון של משי ושל זהב. קא משמע לן ואפי׳ הן ארגמן שהוא צמר לבוע מציל: **יא** כל הראוי ליטמא טמא מת. בגמר או בפשתים או בעור: אף ע״פ שאינו מיטמא מדרס. כגון בגד שלש על שלש. דאינו מיטמא מדרס. עד שיהא בו שלשה טפחים על ג״ט ומיטמא במת. וכ״ש שכל המיטמאי׳ מדרס מיטמאין בנגעים ולבד בלבנים שאינם צבועים: קלע של ספינה ווילון וכו׳. כל הני דחשיב מיטמאים במת. ואין מיטמאים מדרס: שבים. לי השביסים והשהרונים הכתוב (ישעי׳ ג יח): וגלגלון. אבנט שחוגרים בו: סגוס. בגד עב מאוד והוא כאדרת שער: בארוג ובמוכין.

(השתי העומד טהור) זענין דיא לאנגע פעדים וואס שטייען צווישין דיא ביידע שטעקינס טהור. נאר דיא שטיקלאך פעדים וואס מען וועט צוא נעבין צוא דיא געוועבטע דאס איז טמא (נראה בסדין) אוב עס איז גיזעהן גיווארין אנגע א״ף אלייליך (שורף את הנימין) זאל מען פאר ברענין דעם ליילאך מיט דיא פעדים וואס איינגען ארום ליילאך (נראה בנימין) אוב עס איז גיזעהן גיווארין אנגע אויף דיא פעדים (הסדין טהור) איז דר ליילאך טהור (חלוק שנראה בו נגע) אוב עס איז גיזעהן גיווארין אנגע אין אהעמד (מציל את האומריות שבו) איז מען מציל (מען פאר ברענט ניט) דעם זיים וואס אין העמד (אפ לו הן ארגמן) אפילו דער זיים איז פון פורפור וואל ווערט ער אוך ניט טמא: יא (כל הראוי ליטמא טמא מת) אלע זאכין וואס קענין טמא ווערין פון אמת. וואל פלאקס פעל וואס זענין גרוס דריי פינגער אויף דריי פינגר (אף על פי שאינו ראוי ליטמא מדרס) אפילו אז אזב זיצט דארויף ווערט דאס ניט טמא עס זאל זיין אאב הטומאה. ווייל עס ווערט אנדערש ניט אאב הטומאה אז אזב זיצט אויף אזאך סיידין דיא זאך איז גרוס דריי טפחים אויף דריי טפחים) פון דעסטוועגין (מיטמא בנגעים) אוב עס איז דא דארויף אנגע ווערט דאס טמא (כגון קלע של ספינה) די פלאכטע פון אשיף (ווילון) אפארהאנג פון אטיר (ושבים של סבכה) דיא שטיקל באנד פון דיא קאפקע (ומטפחות של ספרים) וואס מען וויקולט איין אין דעם ספרים (וגלגלין) אגארטיל (ורצועות מנעל וסנדל) דיא שנירלאך פון אלעדערנעם שוך און פון אהילצערנעם שוך (שיש בהן רוחב גרים) וואס די שנירלאך זענין ברייט אגרים (הרי אלו מיטמאין בנגעים) אוב אויף דיא זאכין איז דא אנגע ווערין זייא טמא (סגוס) אפילשץ (שנראה בו נגע) וואס אויף אים איז גיזעהן גיווארין אנגע. רבי אליעזר בן יעקב זאגט (עד שיראה בארוג

בגוף האדרת ובשערות שבולטים ממנה . והלכה כראב"י : החמת והתורמל . כלים של עור וקושרים אותן וכופל העור במקום הקשר . ואין הנגע שבכפליו נראה . אא"כ מתפשט העור ולהכי קתני נראין כדרכן כלומר שאין פושטו אלא רואהו כך כמות שהוא : חמת . נוד של עור : תורמל . כמין כיס גדול של עור שהרועה מניח הכליו בתוכו : מתוכו לאחוריו . אם מתחלה נראה נגע בתוכו והסגירו ובסוף שבוע נראה נגע באחוריו מבחוץ חשוב פסיון ובתוספתא משמע דדוקא בעורות אמרינן הכי . ולא בבגדים : יב בגד המוסגר . שהיה בו נגע וצבעו ואין הנגע ניכר בו : כולן טהורים . דאת הודאי הוא מטמא . ואינו מטמא את הספק: ועשאו מוכין. קרעיםקטנים פחותים מג׳ על ג׳ אלא שלא הובדלו לגמרי : כלן טמאין . דכיון שנזקק לטומאה . אין הספק מטהרו : טמא ואסור בהנאתו . דהא שריפה בעי :

כל

החמת ותורמל נראין כדרכן . ופושה מתוכו לאחוריו · ומאחוריו לתוכו :

**יב** בגד המוסגר שנתערב באחרים . כולן טהורים· קצצו ועשאו מוכין טהור. ומותר בהנייתו . והמוחלט שנתערב באחרים כולם טמאין . קצצו ועשאו מוכין טמא ואסור בהנייתו :

כל

(במוכין) דער פילשץ ווערט אנדערש ניט טמא סיידין דיא נגע איז אוף דיא גיוועבטע אונ אוף דיא האר (החמת) אלאגיל פון פעל (והתורמל) אטארבע . ודיא צוויא כלים זענען גימאכט פון אגאנצע פעל צוא זאמען גיצוגין פון אובין מיט אשנירול . אונ ביי דעם שנירול איז דא אין דיא פעל קנייטשין . אונ אוב עס איז דא אנגע צווישין דיא קנייטשין ווערט זיא ניט גיזעהן . סיידין מען ציהט אוס דיא פעל קען מען זעהן דיא נגע (נראים כדרכן) אוב דיא נגע וואס צווישן דיא קנייטשין ווערט גיזעהן אפילו זיא איז צוא זאמען גיקנייטשט . איז טמא (ופושה מתוכו לאחוריו ומאחוריו לתוכו) אוב דיא נגע איז גיוועזן אינווייניג . אין לאגיל אדר אין דיא טארבע . אונ מען האט אים פאר שלאסין אוף זיבין טאג . אונ אין סוף דיא זיבין טאג האט מען גיזעהן דיא נגע פון אוסווייניג . אדר פריער איז גיוועזן דיא נגע אוסווייניג אונ אין סוף דיא זיבין טאג האט מען גיזעהן דיא נגע אינווייניג . איז טמא : יב (בגד המוסגר) אקלייד וואס אין איר איז דא אנגע אונ מען האט איר פאר שלאסין אוף זיבין טאג אונ מען האט דיא קלייד גיפארבט . דער קענט מען ניט דיא נגע (שנתערב באחרים) אונ די קלייד איז צו מישט גיווארין מיט אנדערע קליידער וואס זענין טהור (כולם טהורים) זענין אלע קליידער טהור (קצצו ועשאו מוכין) אקלייד וואס אין איר איז דא אנגע אונ מען האט איר פאר שלאסין אוף זיבין טאג אונ ער האט דיא קלייד צוא שניטין אוף קליינע שטיקלאך . יעדער שטיקל איז ווייניגער וויא דריי פינגער אוף דריי פינגער . נאר די שטיקלאך זענין נאך אביסול בהעפט איינס אן דאס אנדערע (טהור) זענין די שטיקלאך טהור (ומותר בהנייתו) אונ מען מעג הנאה האבין פון די שטיקלאך (והמוחלט שנתערב באחרים) אונ אוב דיא קלייד איז שון טמא גיווארין . אונ מען האט איר גיפארבט . אונ זיא איז צוא מישט גיווארין צווישין אנדערע קליידער (כולם טמאים) זענין אלע קליידר טמא (קצצו ועשאו מוכין) דיא קלייד וואס איז שון טמא גיווארין האט ער צוא שניטין אוף קליינע שטיקלאך . ווייניגער וויא דריי פינגער אוף דריי פינגער (טמא) זענין דיא שטיקלאך טמא (ואסור בהנייתו) אונ ער טאר ניט הנאה האבין פון דיא שטיקלאך :

פרק יב **כל** הבתים מיטמאים בנגעים חוץ משל ע"ג. הלוקח בתים מן הע"ג יראו בתחלה: בית עגול. בית טריגון. בית הבנוי בספינה או באסקריא. על ד' קורות. אינו מיטמא בנגעים. ואם היה מרובע אפי' על ארבעה עמודים מיטמא: **ב** בית שאחד מצדדיו מחופה בשיש. אחד בסלע ואחד בלבנים ואחד בעפר טהור. בית

פרק יב **כל** הבתים. ודוקא בארץ ישראל. דבבית ארץ אחוזתכם כתיב (ויקרא יד): חוץ משל עו"ג. אם קנו בית בא"י. דהכי משמע. אחוזתכם מטמאה בנגעים. ואין אחוזת העו"ג מטמא' בנגעי'. וכשם שאין אחוזתם מטמאה בנגעים. כך בגדיהם וגופם. אין מטמאים בנגעים: יראו בתחלה. וסימנים שהיה בהם הנגע כל זמן שהיו ביד עו"ג. אינם עולים לשם מן החשבון: בית עגול. שאין בו זויות: טריגון · שיש לו שלשה זויות. שלשה בלשון רומי טר"י. וה"ה בית שיש לו שתי זויות או חמש: אינו מיטמא בנגעים· דגבי נגעים כתיב קירות קירות ב"פ. ומיעוט קירות שנים הרי ארבע: ובאסקריא. הוא תורן הספינה. ויש ספרים שגורסים אכסדיא. והן קורות שקושרים ביחד ומוליכין אותן בנהרות ובים. ובלשון מקרא קרויין רפסודות: אינן מיטמאין בנגעים. דכתיב בבית ארץ. עד שיהיה הבית מחובר בארץ: על ד' קורות. כמו או על ארבע קורו' שהיה הבית בנוי ע"ג הקורות: אפי' על ד' עמודים. שהעמודים מחוברים בארץ והן נחשבים ד' זויות לבית והנגע עליהן מטמא בנגעים אע"פ שהוא פתוח מכל צדדיו: **ב** בית שאחד מצדדיו. א' מארבע כתליו מחופה בשיש מרמר"א: בסלע. צור שהוא שם מששת ימי בראשית: בלבנים. עשוים בכבשן: בעפר. שהכותל עשוי מגושי עפר: טהור. דבעינן שיהיו ארבעה קירות הבית ראוין ליטמא בנגעים ואם אחד מן הקירות

עשוי

---

פרק יב **א** (כָּל הַבָּתִּים) אַלֶע הַייזֶער פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל (מִיטַמְּאִים בִּנְגָעִים) אוּב אִין זַייא אִיז דָא אַנֶגַע וֶוערִין זַייא טָמֵא (חוּץ מִשֶּׁל עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים) אוּב אַעוֹבֵד כּוֹכָבִים הָאט אַהוֹז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶוערְט זִיא נִיט טָמֵא פוּן אַנֶגַע (הַלּוֹקֵחַ בָּתִּים מִן הָעוֹ"ג) אַז מֶען קוֹפְט אַהוֹז פוּן אַיין עוֹבֵד כּוֹכָבִים אוּנ אִין דִיא הוֹז אִיז דָא אַנֶגַע (יֵרָאוּ בַּתְּחִלָּה) זָאל דִיא נֶגַע גֶעוִויזִין וֶוערִין צוּם כֹּהֵן נָאר פוּן אָנְהֵייבּ (בַּיִת עָגוֹל) אַשְׁטוּבּ וָוס זִי אִיז קַיילֶעכְדִיג אָן וִוינְקְלִין (בַּיִת טְרִיגוֹן) אַשְׁטוּבּ וָואס הָאט דְרַיי וִוינְקְלִין (בַּיִת הַבָּנוּי בִּסְפִינָה) אַשְׁטוּבּ וָואס אִיז גִיבּוֹט אוֹף אַשִׁיף (אוֹ בְּאַסְקַרְיָא) אָדֶער אוֹף דֶעם זֶאגִיל פוּן שִׁיף (אָדֶער אוֹף דִיא הָאלְץ וָואס שְׁווִימֶען אוֹף דֶעם וַואסֶער) (עַל אַרְבַּע קוֹרוֹת) עֶר הָאט גִימַאכְט אַשְׁטוּבּ אוֹף פִיר בֶּעלְקֶעם וָואס גֵייט אַרוּם פוּן אַוַואנְט. אוּנ דִי בֶּעלְקִים זֶענִין אִין דֶער לוּפְט (אֵינוֹ מִיטַּמֵּא בִּנְגָעִים) דִיא אַלֶע שְׁטוּבִּין וֶוערִין נִיט טָמֵא פוּן אַנֶגַע (וְאִם הָיָה מְרוּבָּע) אוּבּ דִיא שְׁטוּבּ אִיז גִיוֶועזְן פִיר קַאנְטִיג (אֲפִילוּ עַל אַרְבָּעָה עַמּוּדִים) עֶס זֶענִין גִישְׁטַאנְן פִיר זַיילִין אוֹף דִיא עֶרְד הָאט עֶר גִימַאכְט פוּן אוֹבִּין אַדַאךְ אִיז גִיוָוארִין אַשְׁטוּבּ. אֲפִילוּ אַלֶע פִיר זַייטִין זֶענִין אָפִין. פוּן דֶעסְטְוֶועגִין וֶוערְט דָאס טָמֵא פוּן אַנֶגַע ועיין הר"ש ות"יו: **ב** (בַּיִת שֶׁאֶחָד מִצְּדָדָיו מְחוּפֶּה בְּשַׁיִשׁ) אַשְׁטוּבּ וָואס אַיין וַואנְט אִיז בַּדֶעקְט מִיט מַארְמֶער שְׁטַיין. אָדֶער (אֶחָד בְּסֶלַע) אַיין וַואנְט אִיז אַשְׁטַיין וָואס לִיגְט דָארְט פוּן דֶער צַייט וָואס דִיא וֶועלְט אִיז בַּשַׁאפִין גִיוָוארִין. אָדֶער (וְאֶחָד בִּלְבֵנִים) אַיין וַואנְט אִיז פוּן צִיגֶעל. אָדֶער (וְאֶחָד בֶּעָפָר) אַיין וַואנְט אִיז פוּן שְׁטִיקֶער עֶרְד (טָהוֹר) אוּבּ אִין אַזוֹ

אשטוב

בית שלא היו בו אבנים ועצים ועפר. ונראה בו נגע. ואח"כ הביא בו אבנים ועצים ועפר טהור. וכן בגד שלא ארג בו שלש על שלש. ונראה בו נגע ואח"כ ארג בו שלש על שלש טהור. אין הבית מיטמא בנגעים עד שיהא בו אבנים ועצים ועפר: ג וכמה אבנים יהו בו. רבי ישמעאל אומר ארבע. ר"ע אומר שמנה. שהיה ר' ישמעאל אומר עד שיראה כשני גריסין. על שתי אבנים. או על אבן אחת. רע"א עד שיראה כשני גריסין. על שתי אבנים. לא על אבן אחת. ר' אלעזר בר"ש אומר עד שיראה כשני גריסין. על שתי

טמוי בדבר שאין ראוי ליטמא כגון כל הני דאמרינן הבית טהור: בית שלא היו בו אבנים ועצים ועפר. כל שלשתן. אלא א' מהן היה בו. ונראה הנגע באותו שאחד. טהור. דבעינן שיהא ראוי ליטמא קודם ראיי' הנגע: עד שיהיו בו אבנים ועצים ועפר. דכתיב (ויק' יד) את אבניו ואת עציו ואת כל עפר הבית: ג עד שיראה כשני גריסין. דכתיב (ויקרא יד) וראה את הנגע והנה הנגע מלמד שאין נגעי בתים מטמאין עד שיראו כשני גריסין: או על אבן אחת. והיינו טעמא דאמר ר' ישמעאל ד' אבנים לד' כותלי הבית לכל כותל אבן אחת. ולר"ע דאמר עד שיראו כשני גריסים על ב' אבנים לא על אבן אחת אין פחות משני אבנים לכל כותל שתי אבנים: ר"א בר' שמעון אומר כו'. טעמא דרבי

אשטוב איז דא אנגע איז זיא טהור (בית שלא היו בו אבנים ועצים ועפר) אשטוב וואס עס איז ניטא אין איר דיא דריי זאכין שטיינער אונ האלץ אונ ערד. אפילו איין זאך אדער צוויי זאכין איז דא. נאר ניט אלע דריי (ונראה בו נגע) אונ עס איז גיזעהן גיווארין אנגע אין דיא שטוב (ואחר כך הביא בו אבנים ועצים ועפר) דער נאך האט מען איין גיבאהט אין דיא שטוב שטיינער אונ האלץ אונ ערד (טהור) איז דיא שטוב טהור (וכן בגד שלא ארג בו שלש על שלש) אונ אזו אקלייד ואשטיקול ציינג וואס מען האט נאך ניט אפ גיוועבט דריי פינגער אויף דריי פינגער (ונראה בו נגע) אונ עס איז גיזעהן גיווארין אנגע (ואחר כך ארג בו שלש על שלש) דער נאך האט ער דער וועבט ביז צוא דריי פינגער אויף דריי פינגער (טהור) איז דיא שטיקול ציינג טהור (שאין הבית מיטמא בנגעים) אשטוב ווערט ניט טמא אז עס איז דא אין איר אנגע (עד שיהא בו אבנים ועצים ועפר) סיידין זיא איז גיבאהט פון שטיינער אונ האלץ אונ ערד. פון אלע דריי זאכין בעזאמען: ג (כמה אבנים יהו בו) וויא פיל שטיינער זאל זיין אין דיא שטוב. רבי ישמעאל זאגט (ארבע) פיר. אין יעדער וואנט איין שטיין. רבי עקיבא זאגט (שמונה) אכט. צוויא שטיינר אין יעדער וואנט (שהיה רבי ישמעאל אומר) ווארום רבי ישמעאל האט גיזאגט (עד שיראה כשני גריסין על שתי אבנים או על אבן אחת) די נגע פון אשטוב איז אנדערש ניט מטמא סיידין זיא זאל זיין גרוס וויא צווייא גריסין אונ זיא זאל זיין אויף צווייא שטיינר אדער אויף איין שטיין. איז גינוג עס זאל זיין פיר שטיינר אין יעדר וואנט איין שטיין: רבי עקיבא זאגט (עד שיראה כשני גריסין על שתי אבנים לא על אבן אחת) דיא נגע פון אשטוב איז אנדערש ניט מטמא סיידין זיא זאל זיין גרוס וויא צווייא גריסין אונ זיא זאל זיין אויף צווייא שטיינר. ניט נאר אויף איין שטיין. מוז זיין אכט שטיינר אין יעדער וואנט צווייא שטיינר. רבי אליעזר ברבי שמעון זאגט דיא נגע פון אשטוב איז אנדערש ניט מטמא (עד שיראה כשני גריסין על שתי

אבנים. בשני כתלים בזוית. ארכו כשני גריסין. ורחבו כגרים: ד עצים כדי ליתן תחת השקוף. ר' יהודה אומר כדי לעשות סנדל לאחורי השקוף. עפר כדי ליתן בין פצים לחברו. קירות האבום. וקירות המחיצה. אינן מיטמאין בנגעים. ירושלים וחוצה לארץ. אינן מיטמאין בנגעים: ה כיצד ראיית הבית. ובא אשר לו הבית והגיד לכהן לאמר. כנגע נראה לי בבית. אפילו תלמיד חכם

אלעזר ברבי שמעון [בסנהדרין ד' ע"א] דכתיב קיר וכתיב קירות איזהו קיר שהוא כקירות הוי אומר זה קרן זווית. ובכל קיר במינן שעור נגע דהיינו כגרים הקלקי מרובע בכל אחד ואחד וכו' כר"ע: ד עצים. דאמרינן שאין הבית מיטמא עד שיהיו בו עצים כמה יהיו בכל כותל וכותל: כדי ליתן תחת השקוף. כך צריך לכל קיר וקיר: שקוף. מקום שהדלת דופק עליו ונילין ליתן עץ תחתיו: סנדל לאחורי השקוף רגילי' להניח עץ לאחורי השקוף להגין ונקלא סנדל כמו שהסנדל מגין על הרגל. שקוף נקרא בין של פתח בין של חלון: פצים. לשון סדק וקרע כמו הרעשת ארץ פצמתה: קירות האבום. של בהמה: וקירות המחיצה. של (חכרות) גנ"ופרדסי': אין מיטמאין בנגעים. דכתיב בקירות הבית ולא בקירות האבוס ולא בקירות המחיצה: ירושלים וחוצה לארץ אינן מיטמאין בנגעים. דכתיב בבית ארץ אחוזתכם וחוצה לארץ אינה אחוזתכם וירושלים נמי לא נתחלקה לשבטים:

לא

---

שְׁתֵּי אֲבָנִים) סיידין זיא זָאל זַיין גְרוס וַויא צְוַויא גְרִיסִין אוּנ זיא זָאל זַיין אוּף צְווייא שְׁטַיינֶר (בִּשְׁנֵי כְּתָלִים בְּזָוִית) אוּף צְוַויא וָוענְט אִין אַווינְקוּל. אוּף אַיין שְׁטֵיין פוּן דִי וַואנְט זָאל זַיין גְרוס וַויא אַגְרִיס. אוּנ אוּף אַיין שְׁטֵיין פוּן דִיא וַואנְט זָאל זַיין גְרוס וויא אגְרִיס. אוּנ דִיא בֵּיידֶע שְׁטֵיינֶר זָאלִין זַיין אִין וִוינְקוּל פוּן שְׁטוּב (אָרְכּוֹ כִּשְׁנֵי גְרִיסִין וְרָחְבּוֹ כִּגְרִיס) דִיא לַיינְג פוּן דִיא נֶגַע זָאל זַיין וִויא צְוַויא גְרִיסִין אוּנ דִיא בְּרֵייט זָאל זַיין וִיא אַיין גְרִיס. אַז דִיא נֶגַע אִיז צוּ טֵיילְט אוּף צְוַויא שְׁטֵיינֶר. אִיז דִיא נֶגַע אוּף יֶעדִין שְׁטֵיין אַגְרִיס דִיא לַיינְג אוּנ אַגְרִיס דִיא בְּרֵייט: ד (עֵצִים) וַויא פִיל הָאלְץ זָאל זַיין אִין יֶעדֶער וַואנְט (כְּדֵי לִיתֵּן תַּחַת הַשָּׁקוֹף) אַזוֹ אַשְׁטִיקוּל אַז מֶען זָאל קֶענִין מַאכִין דֶער פִין אַבֶּעלִיק אִיבֶּר אַטִיר דִיא טִיר זאל קְלַאפִּין דַארוֹף. רַבִּי יְהוּדָה זָאגְט דִיא שְׁטִיקוּל הָאלְץ זָאל זַיין אַזוֹ גְרוֹס (כְּדֵי לַעֲשׂוֹת סַנְדָּל לַאֲחוֹרֵי הַשָּׁקוֹף) מֶען זָאל קֶענֶען דֶער פוּן מַאכִין אַלֵייסְט אוּנְטֶער דֶעם בֶּעלֶעק וָואס אִיבֶּר דִיא טִיר. (דִיא לַייסְט וֶוערְט גִידוּפִין סַנְדָּל (אַשוּךְ). אַזוֹ וִויא אַשוּךְ פַאר שְׁטֶעלְט אַז דִיא פוּס זָאל זִיךְ נִיט אָן קְלַאפִּין אָן אַשְׁטֵיין. אַזוֹ פַאר שְׁטֶעלְט דִיא לַייסְט דִיא טִיר זָאל נִיט קְלַאפִּין אוּף דֶעם בֶּעלִיק (עָפָר) וִויא פִיל עֶרְד זָאל זַיין אִין יֶעדֶער וַואנְט (כְּדֵי לִיתֵּן בֵּין פְּצִים לַחֲבֵרוֹ) וִויא פִיל מֶע גִיט צְוִוישִׁין אַיין שׁוּרָה צִיגֶל אוּנ דִיא אַנְדֶערֶע ווען מֶען בָּאהְט (קִירוֹת הָאֵבוּס) דִי וָוענְט ווָס מֶען אַיינְגְט אוּף זַיי אַקָארְאמְטֶע פוּן אַבְּהֵמָה (קִירוֹת הַמְּחִיצָה) אוּנ דִיא וָוענְט פוּן אַנָארְטִין (אֵינָן מִיטַמְּאִין בִּנְגָעִים) אוֹבּ אוּף זַייא אִיז דָא אַנֶגַע וֶוערִין זַיי נִיט טָמֵא (יְרוּשָׁלַיִם וְחוּצָה לָאָרֶץ) אַשְׁטוּבּ וָואס אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּנ אַשְׁטוּבּ וָוס אִין חוּצָה לָאָרֶץ (אֵינָן מִיטַמְּאִין בִּנְגָעִים) אוֹבּ אוּף זַיי אִיז דָא אַנֶגַע וֶוערִין זַייא נִיט טָמֵא: ה (כֵּיצַד רְאִיַּית הַבַּיִת) וִויא אַזוֹ זֶעהְט מֶען אַנֶגַע וָואס אִין אַשְׁטוּבּ (וּבָא אֲשֶׁר לוֹ הַבַּיִת) דֶער מֶענְטְשׁ וָואס צוּא אִים גִיהֶער דִיא שְׁטוּבּ זָאל קוּמֶען (וְהִגִּיד לַכֹּהֵן לֵאמֹר) אוּנ זָאל אַזוֹ זָאגִין צוּם כֹּהֵן (כְּנֶגַע נִרְאָה

לִי

חכם ויודע שהוא נגע ודאי. לא יגזור ויאמר. נגע נראה לי בבית. אלא כנגע נראה לי בבית. וצוה הכהן ופנו את הבית (בטרם יבא הכהן לראות את הנגע ולא יטמא כל אשר בבית. ואחר כן יבא הכהן לראות את הבית) ואפי' חבילי עצים. ואפי' חבילי קנים. דברי ר' יהודה. רש"א עסק הוא לפנוי. אר"מ וכי מה מטמא לו. אם תאמר כלי עציו ובגדיו ומתכותיו מטבילן והן טהורים. על מה חסה התורה. על כלי חרסו. ועל פכו. ועל טפיו. אם כך חסה התורה. על

ה לא יגזור. לא יפסוק הדין לומר שהוא נגע ודאי. מדכתיב כנגע נרא' לי בבית. ולא כתיב נגע: אפי' חבילי עצים. שאינן בכלל טומאה צריך לפנות. והא דכתיב ולא יטמא כל אשר בבית. דמשמע דאטומא' קפיד רחמנ'. סבירא ליה לרבי יהודה דמלתא באנפי נפשה היא. לאשמועינן דכלים דהוו מעיקרא נמי מיטמו אי שביק להו. ואין הלכה כר' יהודה: עסק זה לפנוי. בתמיה וכי להעסיקו לפנו' את הבית הולך הכתוב. שאתה מזקיקו לפנות דברים שאין מקבלים טומאה. על כרחך לא בא הכתוב לדרוש אלא כמו שדורש ר' מאיר שהתורה חסה על ממונן של ישראל: פכו. לשון פכים קטנים: תפיו: מקו' שאופה ומבשל בו קדרתו, כגון תנור וכירים של חרס המטלטלין. וי"ש שגורסי' טפיו בטי"ת והוא כלי חרס קטן מאד. שאין המשקה יוצא הימנו אלא

ממונו

לִי בַּבָּיִת) מִיר זָעהט אוּם אַז אִין שְׁטוּבּ אִיז דָא אַזוֹ וִויא אַנֶגַע (אֲפִילוּ תַּלְמִיד חָכָם וְיוֹדֵעַ שֶׁהוּא נֶגַע וַדַּאי) אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ קֶען לֶערְנֶען אוּנ עֶר וֵויס אַז דָאס אִיז גֶעוִויס אַנֶגַע (לֹא יִגְזוֹר וְיֹאמַר נֶגַע נִרְאָה לִי בַּבַּיִת) זָאל עֶר נִיט זָאגִין אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהֶן אַנֶגַע אִין שְׁטוּבּ (אֶלָּא) נָאר עֶר זָאל זָאגִין (כְּנֶגַע נִרְאָה לִי בַּבָּיִת) אַזוֹ וִויא אַנֶגַע הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהֶן אִין שְׁטוּבּ (וְצִוָּה הַכֹּהֵן) זָאל הֵייסִין דֶער כֹּהֵן (וּפִנּוּ אֶת הַבַּיִת) מֶען זָאל אוּם רָאמֶען פוּן שְׁטוּבּ (בְּטֶרֶם יָבֹא הַכֹּהֵן לִרְאוֹת אֶת הַנֶּגַע) אֵיידֶער דֶער כֹּהֵן וֶועט קוּמֶען זֶעהֶן דִיא נֶגַע (וְלֹא יִטְמָא כָּל אֲשֶׁר בַּבָּיִת) עֶס זָאל נִיט טְמֵא וֶוערִין אַלְץ וָואס אִין שְׁטוּבּ (וְאַחַר כָּךְ יָבֹא הַכֹּהֵן לִרְאוֹת אֶת הַבַּיִת) דֶר נָאךְ זָאל קוּמֶן דֶר כֹּהֵן צוּ זֶעהֶן דִי שְׁטוּבּ (אֲפִילוּ חֲבִילֵי עֵצִים) אֲפִילוּ בִּינְטְלַאךְ הָאלְץ (וַאֲפִילוּ חֲבִילֵי קָנִים) אוּנ אֲפִילוּ בִּינְטְלַאךְ שְׁטֶעקְלַאךְ אוֹבּ עֶס אִיז דָא אִין שְׁטוּבּ מוּז מֶען זֵיי אוּם רָאמֶן (דִּבְרֵי רַבִּי יְהוּדָה) אַזוֹ זָאגְט רַבִּי יְהוּדָה. רַבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט (עֵסֶק הוּא לְפִנּוּי) הָט דֶען דִי תּוֹרָה גִימֵיינְט צוּ בַּשֶׁעפְטִיגִין דֶעם מֶענְשׁ מִיט רָאמֶען. עֶר דַארְף נָאר אוּם רָאמֶען אַזֶעלְכֶע זַאכִין וָואס קֶענֶען טָמֵא וֶוערִין. אָבֶּער בִּינְטְלַאךְ הָאלְץ אוּנ שְׁטֶעקְלַאךְ וָואס קֶענֶען נִיט טָמֵא וֶוערִין דַארְף עֶר נִיט אוּם רָאמֶען (אָמַר רַבִּי מֵאִיר) הָאט רַבִּי מֵאִיר גִיזָאגְט (וְכִי מַה מְטַמֵּא לוֹ) וָואס קֶען טָמֵא וֶוערִין אִין שְׁטוּבּ (אִם תֹּאמַר) אֶפְשַׁר וֶועסְטוּ וֶועלִין זָאגִין (כְּלֵי עֵצָיו) הִילְצֶערְנֶע כֵּלִים (וּבְגָדָיו) אוּנ קְלֵיידֶער (וּמַתְּכוֹתָיו) אוּנ גִיגָאסֶענֶע כֵּלִים. זִילְבֶּער גָאלְד מֶעשׁ קוּפֶּער. צוּא וָואס זָאל מֶען זֵייא אוּם רָאמֶען. אֲפִילוּ זֵייא וֶועלִין טָמֵא וֶוערִין (מַטְבִּילָן וְהֵן טְהוֹרִים) אִיז עֶר זֵייא טוֹבֵל וֶוערִין זֵייא טָהוֹר (עַל מַה חָסָה הַתּוֹרָה) אוֹיף וֶועלְכֶע כֵּלִים הָאט דִיא תּוֹרָה רַחֲמָנוּת גִיהַאט (עַל כְּלֵי חַרְסוֹ) אוֹיף עֶרְדֶענֶע כֵּלִים (וְעַל פַּכּוֹ) אוֹיף קְלֵיינֶע קְרִיגְלַאךְ (וְעַל תַּפָּיו) אוּנ אוֹיף אאוֹבִין אָדֶער אַקוֹמִין וָואס מֶען בַּאקְט אוּנ מֶען קָאכְט אוֹיף אִים. וַוייל דִיא כֵּלִים אַז זֵייא וֶוערִין טָמֵא קֶענֶען זֵייא נִיט טָהוֹר וֶוערִין (אִם כָּךְ חָסָה הַתּוֹרָה עַל מָמוֹנוֹ הַבָּזוּי) אוֹבּ אַזוֹ הָאט דִיא תּוֹרָה



רחמנות

טיף טיף וכל אלו אין להם טהרה במקוה : ת"ל אל פתח הבית. אי אל פתח הבית יכול
אם כך על של רשע. שהנגעי' באים על לשון יעמוד תחת המשקוף ויסגיר. ת"ל ויצא מן
הרע : ך אינו הילך לתוך ביתו. דכתיב ויצא הכהן מן הבית יכול ילך לביתו ויסגיר
הבית עד שיעקר מכל הבית: ולא סיד מ"מ. דכתי' ועפר אחר יקח וסיד לא הוי עפר אלא

ממונו הבזוי. ק"ו על ממונו החביב. אם כך על ממונו. ק"ו על נפש בניו ובנותיו. אם כך על של רשע ק"ו על של צדיק : ך אינו * [הולך לתוך] ביתו ומסגיר. ולא עומד ובתוך הבית שהנגע בתוכו ומסגיר. אלא עומד על פתח הבית שהנגע בתוכו ומסגיר: שנא' (ויקרא יד) ויצא הכהן מן הבית אל פתח הבית והסגיר את הבית שבעת ימים. ובא בסוף השבוע. וראה אם פשה וצוה הכהן וחלצו את האבנים אשר בהן הנגע והשליכו אתהן אל מחוץ לעיר אל מקום טמא ולקחו אבנים אחרות. והביאו אל תחת האבנים. ועפר אחר יקח וטח את הבית. אינו נוטל אבנים מצד זה. ומביא לצד זה. ולא עפר מצד זה. ומביא לצד זה. ולא סיד מכ"מ. אינו

*נמ' עומד בתוך

---

רחמנות גיהאט אוף דיא געלט (דיא זאכין) וואס זענען מיאוס אונ וואהויל ביי אמענשין (קל וחומר על ממונו החביב) איז שון געווים אז דיא תורה האט רחמנות אוף דא געלט ודיא זאכין וואס זענען ליב ביי אמענטשין (אם כך על ממונו) אוב גאט האט אזו רחמנות אוף דיא געלט פון אמענטשין (קל וחומר על נפש בניו ובנותיו) איז שון געווים אז גאט האט רחמנות אוף דיא נפשות פון דעם מענטשינס זיהן אונ טעכטער (אם כך על של רשע) אוב גאט האט אזו רחמנות אוף דיא געלט אונ קינדער פון ארשע (קל וחומר על של צדיק) איז שון געווים אז גאט האט רחמנות אוף דיא געלט אונ קינדער פון אצדיק : ו (אינו עומד בתוך ביתו ומסגיר) דער כהן זאל ניט שטיין ביי זיך אין שטוב אונ שיקין אמענטשין מען זאל פאר שליסין דיא שטוב וואס דיא נגע איז ווייל תפארת ישראל) (ולא עומד בתוך הבית שהנגע בתוכו ומסגיר) אונ ער זאל ניט שטיין אין דיא שטוב וואס אין אים איז דיא נגע אונ פאר שליסין (אלא עומד על פתח הבית שהנגע בתוכו ומסגיר) נאר ער זאל שטיין ביי דיא טיר פון שטוב וואס דיא נגע איז אין אים אונ זאל פאר שליסען (שנאמר) ווארים עס איז גיזאגט אין דיא תורה (ויצא הכהן מן הבית) דער כהן זאל ארויס גיין פון שטוב (אל פתח הבית) צום טיר פון שטוב (והסגיר את הבית שבעת ימים) ער זאל פאר שליסען דיא שטוב אויף זיבען טאג (ובא בסוף השבוע) דער כהן זאל קומען אין סוף זיבען טאג (וראה) אונ ער זאל זעהן (אם פשה) אויב דיא נגע איז גרעסער גיווארען (וצוה הכהן) זאל דער כהן הייסין (וחלצו את האבנים) מען זאל ארויס נעמין דיא שטיינער (אשר בהן הנגע) וואס אין זיי איז דיא נגע (והשליכו אתהן אל מחוץ לעיר) מען זאל זייא ארויס ווארפין אויסוויינינג פון שטאט (אל מקום טמא) אויף אאומריינעם ארט (ולקחו אבנים אחרות) מען זאל נעמין אנדערע שטיינער (והביאו אל תחת האבנים) מען זאל זייא ברייננען (לייגין) אויף דעם ארט וואס יענע שטיינער זענען גילעגין (ועפר אחר יקח) אונ מען זאל נעמין אנדערע ערד (וטח את הבית) מען זאל בקלעבין דיא שטוב (אינו נוטל אבנים מצד זה ומביא לצד זה) מען זאל ניט נעמען שטיינער פון דער זייט אונ לייגין אין דער זייט (ולא עפר מצד זה ומביא לצד זה)

אונ

לכן בריפה : לא אחת תחת שתים . אלן ביתו קודח רשע . שהנגעים באים על לש ו
גדו.ה שמשלה מקום השתים : מכאן אמרו הרע כדאמרן : שניהן קוצעים . לשון ואת
אוי לרשע ואוי לשכנו . שאם כותל מפסיק בין הבית יקליע : יקח וטח . ל׳ יחיד למעוטי חברו
שני בתים ונראה נגע בכותל לצד בית זה . שאין מטפל עמו בטיחה : ז בא בסוף שבוע.
בעל הבית אחר צריך אחרי השוה כבי׳ .
להטפל עמו דכתיב חוזר ומסגירו . ואם
וחלצו את האבנים ל׳ בם בשבוע חוזר ה גע.
רבים. לזה שהנגע לצד

אינו מביא לא אחת תחת שתים ולא שתים תחת אחת. אלא מביא שתים תחת שתים. תחת שלש. תחת ארבע. מכאן אמרו אוי לרשע אוי לשכנו. שניהן חולצין. שניהן קוצעין. שניהן מביאין את האבנים. אבל הוא לבדו מביא את העפר שנא׳ (ויקרא יד) ועפר אחר יקח וטח את הבית אין חברו מטפל עמו בטיחה: ז בא בסוף שבוע וראה. אם חזר. ונתץ את הבית את אבניו. ואת עציו. ואת כל

עפ־

אונ מען זאל ניט נעמען ערד פון דער זייט אונ בעקלעבין אין דער זייט (ולא סיר מכל מקום) אונ מען טאר ניט נעמען ואאפגע פון קיין ארט אונ בעקלעבין (אינו מביא לא אחת תחת שתים) אויב מען האט ארויס גינומען פון דיא וואנט צוויי שטיינער טאר מען ניט לייגען אויף דעם ארט איין שטיין אגרויסין (ולא שתים תחת אחת) אז מען האט ארויס גינומען איין שטיין טאר מען ניט לייגין אויף דעם ארט צוויי שטיינער קלענערע (אלא מביא שתים תחת שתים) נאר אז מען האט ארויס גינומען צוויי שטיינער לייגט מען אויף דעם ארט צווייא שטיינער (תחת שלש) אז מען האט ארויס גינומען דרייא שטיינער. מעג מען אויך לייגין אויף דעם ארט צוויי שטיינער גרעסערע (תחת ארבע) אז מען האט ארויס גינומען פיר שטיינער. מעג מען אויך לייגין אויף דעם ארט צוויי שטיינער גרעסערע (מכאן אמרו) פון דעם דין האט מען גיזאגט (אוי לרשע אוי לשכנו) אז עס איז וויי צום רשע איז וויי צו זיין שכן אויך. אזוי וואס איז צווישען צווייא שטובען איין שטוב גיהער צו ראובן אונ איין שטוב גיהער צוא שמעון אונ עס איז דא אנגע אין דיא וואנט. אין דער זייט וואס גיהער צו ראובן (שניהן חולצין) דארפין ביידע שמעון מיט ראובן ארויס נעמען דיא שטיינער. שמעון דארף העלפין צו ראובן (שניהן קוצעין) ביידע דארפין ארום האקין דיא שטיינער (שניהן מביאין את האבנים) ביידע דארפין ברייגען דיא שטיינער (אבל הוא לבדו) אבער ראובן אליין (מביא את העפר) ברייננט דיא ערד (שנאמר) ווארום עס איז גיזאגט אין דיא תורה (ועפר אחר יקח) אנדערע ערד זאל ער נעמען (איינער) (וטח את הבית) ער זאל אוים קלעבין דיא שטוב (איינער) (אין חברו מיטפל עמו בטיחה) דער חבר (שמעון) דארף זיך ניט מטריח זיין מיט ראובן צום בקלעבין דיא שטוב ווער בעל הבית פון דיא שטוב וואס אין איר איז דא אנגע הייסט ארשע. וויל אנגע אין אשטוב קומט נאר דורך לשון הרע : ז (בא בסוף שבוע) אז דער כהן קומט אין סוף די אנדערע וואך וואורום נאך דעם ארום קלעבין דיא שטוב פאר שליסט מען נאך אמאהל אויף זיבען טעג (וראה) אונ דער כהן זעהט (אם חזר) אויב דיא נגע איז צוריק גיקומען אויף די נייע שטיינער (נתץ את הבית) זאל מען צוא שטויסען דיא שטוב (את אבניו) דיא שטיינער (ואת עציו) אונ דיא האלין (ואת כל

הפשיון הסמוך. שפשה סמוך לנגע: והחוזר בשני גריסים. דכתיב ואם ישוב הנגע כאדם האומר חזר פלוני למקומו. והנגע שבבתים בתחלה אינו מטמא אלא בשני גריסין כדאמרן:

עשרה בתים. הכהה בראשון. בסוף שבוע ראשון כהה או הלך הנגע לגמרי הרי שני בתים דכהנים הן חשובים: קולפו. קולף מקום הנגע בלבד והבית טהור: הכהה. בסוף שבוע ב' וההולך לגמרי שנים אחרי' הרי

עפר הבית. והוציא אל מחוץ לעיר אל מקום טמא. הפסיון הסמוך כל שהוא. והרחוק כגרים, והחוזר בבתים. כשני גריסין:

פרק יג **עשרה** בתים הן. הכהה בראשון וההולך לו. קולפו והוא טהור. הכהה בשני וההולך לו. קולפו והוא טעון צפרים. הפושה בראשון חולץ וקוצה וטח ונותן לו שבוע. חזר ינתץ. לא חזר טעון צפרים. עמד בראשון ופשה בשני. חולץ וקוצה וטח ונותן לו שבוע

ארבעה: הפושה בשבוע ראשון חולץ וקוצה וטח ונותן לו שבוע. ואם חזר נותץ. הרי ה': לא חזר טעון צפרים. הרי ששה: עמד בעיניו בשבוע ראשון ופשה בשני חולץ וקוצה וטח ונותן לו שבוע. חזר נותץ הרי ז': לא חזר טעון צפרים. הרי שמנה: עמד בעיניו בשבוע ראשון ובשבוע שני. חולץ וקוצה וטח ונותן לו שבוע. שדין העומד בעיניו בשבוע שני כדין הפושה חזר נותץ הרי תשעה: לא

---

(עפר הבית) אונ דיא גאנצע ערד פון שטוב (והוציא אל מחוץ לעיר) מען זאל דאס ארויס פירען פון אויסווייניג פון שטאט (אל מקום טמא) אויף אאומרייניגעם ארט (הפסיון הסמוך) אויב דאס פאר גרעסערונג איז נאנט צוא דיא נגע (כל שהוא) וויא פיל עס איז פאר גרעסערט גיווארין איז טמא (והרחוק) אונ אויב דאס פאר גרעסערונג איז ווייט פון דיא נגע (כגרים) אויב דאס פאר גרעסערונג איז גרויס וויא אגרים איז טמא (והחוזר בבתים) אונ דיא נגע וואס קערט זיך אום צוריק אין דיא שטוב (כשני גריסין) אויב זיא איז גרויס וויא צוויי גריסין איז טמא:

פרק יג א (עשרה בתים הן) צעהן דינים איז דא ביי א נגע פון א שטוב (הכהה בראשון) אז דיא נגע איז טינקעלער גיווארין סוף דיא ערשטע וואך (וההולך לו) אדער די נגע איז אין גאנצין אוועק גיגאנגעי סוף דיא ערשטע וואך (קולפו והוא טהור) זאל ער אראפ נעמין דעם ארט ווא דיא נגע איז אונ דיא שטוב איז טהור (הכהה בשני) אויב דיא נגע איז טינקעלער גיווארען אין סוף דיא אנדערע וואך (וההולך לו) אדער דיא נגע איז אין גאנצין אוועק גיגאנגען סוף דיא אנדערע וואך (קולפו) זאל ער אראפ נעמין דעם ארט ווא די נגע איז אונ דיא שטוב איז טהור (והוא טעון צפרים) אינ ער דארף ברייגגע צוויי פייגלאך (הפושה בראשון) אויב דיא נגע איז גרעסער גיווארין אין סוף די ערשטע וואך (חולץ) זאל ער ארויס נעמען דיא שטיינער (וקוצה) אונ ארום האקין (וטח) אונ בקלעבין (ונותן לו שבוע) אונ מען פאר שליסט אים אויף נאך א וואך (חזר) אויב דיא נגע האט זיך צוריק אומגיקערט (ינתץ) זאל מען דיא שטוב צוא שטויסין (לא חזר) אז דיא נגע האט זיך ניט אומגיקערט צוריק (טעון צפרים) דארף מען ברייגגען צוויי פייגעלאך (עמד בראשון) אויב דיא נגע איז דיא ערשטע וואך געבליבען שטיין אין דיא זעלביגע גרייס (ופשה בשני) אינ אין סוף דיא אנדערע וואך איז זיא גרעסער גיווארען (חולץ) זאל ער ארויס נעמען דיא שטיינער (וקוצה) אונ ארום האקין (וטח) אונ בקלעבין (ונותן לו שבוע) אונ

חזר טעון צפרים. הרי עשרה: אם עד כולו ; נותץ שלו. דגבי תחלה כתיב את
שלא טהרו בצפרים נראה בו נגע. הרי אבניו ואת עציו. אבניו שלו. ועציו שלו:
הוא כחוזר וטעון נתילה. אבל משטהרו. ראש ופתין. פי' הערוך אותה האבן או
הוה ליה כנגע חדש ומסגירו: ב האבן אותו העץ שהופס מצד מערב נדבך שלו. ולצד
שבזוית'. שהיא בינו ובין חבירו בשותפו': חולץ את כולו. כדדרשי' וחלצו. מלמד שמניח' חולצי': בזמן שהוא נותץ. את הבי'
מזרח נדבך של חברו. שם אותה האבן או אותו העץ ראש. ואותם האבני' ועצים שבנדבך זה. במערב אחת. ובנדבך זה

שבוע. חזר ינתץ. לא חזר טעון צפרים. עמד בזה ובזה. חולץ וקוצה וטח ונותן לו שבוע. חזר ינתץ. לא חזר טעון צפרים. אם עד שלא טהרו בצפרים נראה בו נגע. הרי זה ינתץ. ואם משטהרו בצפרים נראה בו נגע. יראה בתחלה: ב האבן שבזוית. בזמן שהוא חולץ. חולץ את כולו. ובזמן שהוא נותץ. נותץ את שלו. ומניח את של חברו. נמצא חומר בחליצה מבנתיצה. ר"א בית הבנוי ראש

ופתין

---

מען פארשליסט אים אויף נאך אמאל (חזר) אויב דיא נגע האט זיך צוריק אומגיקערט (ינתץ) זאל מען די שטוב צו שטויסען (לא חזר) אז דיא נגע האט זיך אומגיקערט צוריק (טעון צפרים) דארף מען ברענגען צוויא פייגעלאך (עמד בזה ובזה) אויב דיא נגע איז גישטאנען אין איר גרייס דיא ערשטע וואך אונ דיא אנדערע וואך (חולץ) זאל ער ארויס נעמען דיא שטיינער (וקוצה) אונ ארומהאקין (וטח) אונ בקלעבין (ונותן לו שבוע) אונ פארשליסט אים אויף נאך אמאל (חזר) אז דיא נגע האט זיך צוריק אומגיקערט (ינתץ) זאל מען צו שטויסן דיא שטוב (לא חזר) אז דיא נגע האט זיך ניט אומגיקערט צוריק (טעון צפרים) דארף ער ברענגען צוויי פייגעלאך (אם עד שלא טהרו בצפרים) אויב איידער מען האט דיא שטוב מטהר גיוועזן מיט דיא פייגעלאך (נראה בו נגע) איז גיזעהן גיווארען אין דיא שטוב א נגע (הרי זה ינתץ) זאל מען דיא שטוב צו שטויסען (ואם משטהרו בצפרים נראה בו נגע) אונ אויב דער נאך וויא מען האט שוין די שטוב מטהר גיוועזן מיט די פייגעלאך איז גיזעהן גיווארין אין די שטוב א נגע (יראה בתחלה) זאל דיא נגע גיזעהן ווערין צום כהן גאר פון אנהייב. אונ די פריערדיגע טעג רעכנט מען גאר ניט: ב (האבן שבזוית) דער שטיין וואס אין ווינקעל צווישען צוויי ווענט. איין וואנט גיהער צו איין בעל הבית אונ דיא אנדערע וואנט גיהער צו איין אנדער בעל הבית. אונ דער שטיין גיהער צו ביידע בשותפות (בזמן שהוא חולץ) אז ער דארף ארויס נעמען דיא שטיינער וואס אויף זייא איז דיא נגע (חולץ את כולה) נעמט ער ארויס אלע שטיינער (ובזמן שהוא נותץ) אז ער דארף צו שטויסען דיא גאנצע שטוב (נותץ את שלו) צו שטויסט ער נאר זיין שטוב (ומניח את של חברו) אונ דעם חברס שטוב לאזט ער שטיין (נמצא חומר בחליצה מבנתיצה) ווערט גיפונען אז ארויס נעמין דיא שטיינער פון וואנט איז ארגער וויא צו שטויסען דיא גאנצי שטוב. רבי אליעזר זאגט (בית הבנוי ראש ופתין) א שטוב וואס איז גיבאהט אז די מזרח וואנט גיהער צו איין בעל הבית. אונ די מערב וואנט גיהער צו איין אנדער בעל הבית אונ פון מזרח ביז מערב ליגט א גרויסער שטיין אדער א האלץ וואס אויף איהם זענין אנגישפארט די ביידע ווענט.

ופתין . נראה בראשית . נוטל את כולו . נראה בפתין . נוטל את שלו . ומניח את של חברו : ג בית שנראה בו נגע . היתה עליה על גביו נותן את הקורות לעליה . נראה בעליה נותן את הקורות לבית . לא היתה עליה על גביו אבניו ועציו ועפרו נתצין עמו . ומציל על המלבנים . ועל שריגי החלונות . רבי יהודה אומר מלבן הבנוי על גביו . ניתץ עמו . אבניו ועציו ועפרו מטמאין בכזית . ר' אליעזר חסמא אומר במה שהן : ד בית המוסגר מטמא מתוכו .

